STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02166

LIDER FUN TOGBUKH

Abraham Sutzkever

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַברהם סוצקעווער/לידער פון טאָגבוך

אַברהם
סוצקעווער

לידער
פֿון
טאָגבוך

פֿאַרלאַג גאָלדענע קייט תּל-אָבֿיבֿ

1977

אַברהם סוצקעווער. לידער פון טאָגבוך. 1976-1974
פאַרלאַג די גאָלדענע קייט. תל־אָביב. ישׂראל

ABRAHAM SUTZKEVER
LIDER FUN TOGBUCH
Poems 1974-1976

©

Published by DI GOLDENE KEYT
Printed in Israel 1977 נדפס בישראל

נדפס בדפוס „להב" תל־אביב, רח' המסגר 60

אברהם
סוצקעווער

1974

ס׳דערנענטערט זיך די ווײַט. נאָך אַלע רײַזעס, אַוואַנטורעס
און לייגן קלאַפּטער אויף פּאַפּיר בײַם שאָטן פון אַ שפּאַרבער,
לאָז איבער צוויי (ווי טאָג מיט נאַכט) צונויפגעגראַמטע שורות
און זאָלן זיך מיט זיי צעטיילן דײַנע יונגע אַרבער.

און אויב ס׳איז ווייניק, צי אַרויס פון האַרץ און לאָז אַ דריטע:
אַלמאַי זאָל בלײַבן יתומדיק מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך
דײַן קאַץ? האָט עמעצער ווי זי געהאַט אויף דיר אַ שליטה?
אַכיבע האָסט שוין אָפּגעשריבן פֿאַר דער קאַץ פּראָצענטלעך.

דו האָסט דאָך זעונגען געזען וואָס ניט געזען האָט קיינער
בײַ אירע גרינע יאָרצײַטליכט אין ווינטלדיקע חצותן:
באַוואַקסענע מיט קליינע פליגל שוועבט אַ מנין שטיינער
און איבער זיי דער שער־הרחמים איז ניט מער פאַרשלאָסן.

און האָסטו שוין געשאָנקען און צעשאָנקען דײַן פאַרמעגן
און אָפּגעצאָלט פאַר דײַנע וווּנדן דעם באַשטימטן שטײַער,
אַנטלויף אין מידבר ווו די שטערן טריקענען אַן רעגן.
זיי טריקענען. זיי לעשן זיך. באַוואַסער זיי מיט פײַער.

1974

די רויטע ציגל פון דייַן לייַב — געדענקסט ניט זייער בנין,
געדענקסט ניט מער דייַן גאַס און בייַם לאַמטערן־שייַן דעם נומער.
אַ וואָלקן איז געבליבן אין אַ פֿורעמען זיך, ליניען,
געבליבן איז אַ געלער בלאַט אין אָנדענק פון אַ זומער.

געדענקסט ניט מער דעם יונגן פּנים פונעם ערשטן רעגן,
דעם אַדרעס פון דייַן טויב און איר קמיע אינעם שנעבל.
די לאָנקע, וווּ איר זענט צוזאַמען זאַלבע איינס געלעגן,
צעפּרעסן איז אַצינד פון פּעך און שוועבל.

געדענקסט ניט מער דייַן טאַטע־מאַמע. ווער האָט דיך געבוירן ?
דער זעלבער אַש פון פייַער און זייַן קרבן, ווייסט ניט וועמעס.
נאָר אינעווייניק ווייסטו יאָ : עס הערט ניט אויף צו יוירן
דאָס טונקלסטע און קלאָרסטע וואָרט פון אַלע ווערטער : אמת.

נאָר אינעווייניק ווייסטו יאָ : דער פינקלענדיקער עיקר
איז דימענטיקער ווי געוועזן און קאָנסט מיט אים צעשנייַדן
די שאָטנוועלט, אַז פידלען זאָלן שפּילן פון די שטיקער
און לינדערן אין דיר אַ צווייטנס לייַדן.

1974

באַשעפענישן אויפן גרונט פון ים, אָן זון, אָן שטראַלן,
שפּאַצירנדיקע צמחים אין אַ יענוועלטיקער לאַנדשאַפט,
געבורט פון טויט און לעבן, בבל־טורעמס פון קאָראַלן,
קאַפּריזן געטלעכע, שוין צייַט מיר זאָלן שליסן קאַנטשאַפט.

שוין צייַט אַרויסאײַלן פון צירק מיט זייַנע לצים, הוידעס,
אַהין וווּ עס געוועלטיקט נאָך דער פּערל אין זייַן גלאָריע.
שוין צייַט אַרויסצוקנייַפּן פון דער פינצטערניש די סודות
וווּ ס׳קלאַפּן הערצעלעך פון שליים אין יַמס לאַבאָראַטאָריע.

שוין צייַט צו טרינקען ווייַן מיט לאַנג דערטרונקענע מאַטראָסן
אין וואַסער־קרעטשמע אויפן דעק פון ים, אין אַ קאַיוטע
און הערן ווי דערציילן פון פּיראַטן, אַלבאַטראָסן
און ליבעס פון פאַר טויזנט יאָר, און אַלץ נאָך ניט באַרוטע.

באַפרייַען וויל זיך יעדער קלאַנג פון מעש און האָלץ און סטרונע,
געפאַנגען איז דאָס מענטשן־לשון הינטער שווערע שטייַגן.
שוין צייַט זיך אייַנצוהערן און דערזען דורך אַ שפּאַרונע
ווי שטומע שטילקייט לערנט זיך דעם אַלף־בית פון שווייַגן.

1974

דײַן רגע אײן־און־אײנציקע, די פּרי װאָס איז אָקערשט
אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם עץ־החיים און זי הױערט
נאָך װאַרעם־צאַפּלדיק אין גראָז און פֿול מיט זאַפֿט, איז װײַטער
פֿון אירע שװעסטער אין אַ גוזמא ליכטיאָרן אַרום.

די רגע איז דאָך דײַנע, דײַנע, ביסט איר עץ־החיים:
אַלײן זי אױסגעװאַרעמט האָסטו אין געבליט, געטײלט זיך
מיט איר אַ לעבן־לאַנג דעם ביסן ברױט און ביסל װאַסער,
געטראָגן אױפֿן אַקסל און באַשיצט פֿון בליץ־און־דונער.

אַראָפּגעפֿאַלן איז די רגע און, אַ שאָד, אױף אײביק,
אַזאַ מין װײַטע שױן און בײַ די פֿינגער פֿון דײַן שאָטן.
און ס'דאַכט: אַרונטערבײגן זיך, אַ צי די האַנט, אַ צערטל,
ס'געװײן איז לעבן דיר אין גראָז, און באַלד אין דײַנע פֿינגער.

מסתּמא איז געװען אַ קלײנער פּגם אין דער יצירה,
און אפֿשר איז פֿאַראַן אַ חכם װאָס װעט מיר דערקלערן
אַלמאַי דעם בױם איז ניט באַשערט זײַן פּרי צו פֿאַרזוכן
װען זי איז װאַרעם־צאַפּלדיק פֿון אים אַראָפּגעפֿאַלן
און הױערט
נאָך
און טרױערט
נאָך
אין גראָז?

1974

דעם אָנדענק פון אַהרן צייטלין

אומדאַיִק ביסטו, איך — דערווײַל אומדאַרטן:
צוויי אויסטערלישע בינשטאָקן. בשתּיקה
באַגעגענען זיך אינעם זעלבן גאָרטן
די בינען און זיי ציִען די יניקה

פון חלום. ס'וואָלט דאָך ניט געהאַט קיין זינען
ס'געבוירן ווערן אויב אין גאָרטן וואָלטן
זיך ווײַטער ניט באַגעגנטביידנס בינען.
אויך אונדזער וואָרטקונסט וואָלט ניט מער געגאָלטן.

ס'באַגעגענען זיך ביידנס בינען, זייגן
פון זעלבן חלום און דערנאָך צעשיידטע,
צוריק צום בינשטאָק ווו ס'איז היימיש־אייגן,
דערנענטערט זיך אַן ערשטע בין, אַ צווייטע.

אַ בינענזשום אין אָוונט איז דער פאָדעם
פון דיר צו מיר. מיר זעען אים און הערן.
און ס'הערט ניט אויף בן־אָדם זײַן בן־אָדם,
געבענטשט מיט ערשטן און מיט לעצטן שטערן.

1974

וואַסער געטראַנק זאָל איך געבן דער נאַכט זי זאָל וווּנדערן ווײַטער?
ט׳קלאַפּט איר דאָס האַרץ ווי עס וואָלט פֿון אַ וואַלד־שׂרפֿה יאָגן אַ רײַטער.

אפשר איז וואַך אין אַפּטייק דער אַפּטייקער, מײַן שכן פֿון אַנדערן געסל?
טרערן פֿון שלאַנגען און קרײַטעכצער מישט ער אין ביינערנעם קעסל.

אפשר זיך אײַלן צו רופֿן אַ דאָקטער? מע קאָן אַזאַ האַרץ גאָר ניט שאַצן,
וואָרהאַפּטיק, וואָס וועל איך טאָן אַז דאָס האַרץ וועט איר פּלאַצן?

1974

איצטער וועל איך הערן וואָס עס רעדט די נאַכט פון שלאָף:
— עמעץ גאָרגלט, וואַרפט זיך ווי אַ האַלב געקוילעט עוף.
גאָרגלט, שוידערט, און אין גלאַטן שטאָל — אַ הייס געבליץ,
עמעץ רופט אים: קום צו מיר, די אַנדערע: באַשיץ.
אויסגענאָגט פון קינאה איז די פרוי וואָס רופט אים: קום,
אָנגעצונדן ווי די רויטע מאָנבלומען אַרום.
אירע אויגן, ניט קיין היגע, זעען וואָס געשעט,
זומפיק זינקען לאָקערדיקע לאַפּעס פון אַ בעט.
בלויע צייכנס בלייַבן אויפן קישן, עלעהיי
ערב שנייפאַרגאַנג פיאַלקעס אונטער לינדן שניי.
נאָר די צווייטע וואָס די ערשטע איז איר אומבאַקאַנט,
האַלט אים, ווי אַ רודער אין אַ שטורעם, פאַר זייַן האַנט
י ע נ ע זאָל אים ניט אַ ריס טאָן פון איר לייַב, אַהין
וווּ די רויטע מאָנבלומען באַהאַלטן זיך אין גרין.

1974

מייַן בריווטרעגער וועט מיר ניט ברענגען קיין בריוו
און אָפּשטעלן וועט זיך דער זייגער פֿון לאַנגן אַרכיוו.
דעם בריווטרעגער האָט, אין אַ טאָרבע, אַ צווייטער
געבראַכט אין אַ היים אונטער ליים, און איך וואַרט: אפשר גייט ער?

ס'צעבילט זיך דאָס גלעקל. דער צווייטער קומט אָן.
— פֿון וואַנען, מייַן ליבער? פֿון וועמען דער בריוו, פּאָטשטאַליאָן?
איך האָב נאָך ביז הייַנט ניט געזען אַזאַ מאַרקע,
די שטיוול אין שטויב. פֿון דער ערד צי לבנהשער קרקע?

— איך ווייס ניט פֿון וועמען. עס איז מיר פֿאַרווערט
צו לייענען. כ'ווייס נאָר פֿון וואַנען איך ברענג דעם קאָנווערט.
אַ קרירה איז דאָרטן, פֿאַרשפּיליע די בלוזע.

דער בריווטרעגער נעפּלט אַוועק און איך קוש די מזוזה.

1974

אַ ווײַסע האָר טיילט ביידן אונדז פֿונאַנדער,
נאָר ווען מיר זי איבערהאַקן, דעמאָלט
איז מער ניטאָ קיין שטח און קיין וואַנדער,
ניטאָ איז מער קיין מלאך און קיין דעמאָן.

אַ לויב צום לײַב פֿון שיכּורע געוועבן!
אָן מעסערטאַנץ, אָן שרעק, אָן קידער־ווידער,
וועט מער ניט שיטן זאַלץ די האַנט פֿון לעבן
אויף נאָגנדיקע ווונדערס פֿון די גלידער.

אַ לויב צום בייזן גײַסט וואָס איז קאַפּאַבל
אַנטפּלעקן גליק און גליקלעך עס צעפּערטלען
און פֿרײַלאָזן אַ הונגעריקן מבול,
אַ רעגן־בויגן זאָל אים שפּעטער צערטלען.

זאָל צונטערן אַ יום־טוב־שרעק אין ביידן,
די אויסגעבענקטע רו איז פּאָוועטינע.
אַ נאָנטקייט איז פֿאַראַן וואָס מוז צעשיידן,
צו ליב האָבן ביז לעצטן טראָפּן שׂינאה.

1974

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן ? בלײַבן וועט אַ ווינט,
בלײַבן וועט די בלינדקייט פונעם בלינדן וואָס פאַרשווינדט.
בלײַבן וועט אַ סימן פונעם ים : אַ שנירל שוים,
בלײַבן וועט אַ וואָלקנדל פאַרטשעפּעט אויף אַ בוים.

ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן ? בלײַבן וועט אַ טראַף,
בראשיתדיק אַרויסצוגראָזן ווידער זײַן באַשאַף.
בלײַבן וועט אַ פידלרויז לכּבוד זיך אַליין,
זיבן גראָזן פון די גראָזן וועלן זי פאַרשטיין.

מער פון אַלע שטערן אַזש פון צפון ביז אַהער,
בלײַבן וועט דער שטערן וואָס ער פאַלט אין סאַמע טרער.
שטענדיק וועט אַ טראָפּן ווײַן אויך בלײַבן אין זײַן קרוג.
ווער וועט בלײַבן ? גאָט וועט בלײַבן, איז דיר ניט גענוג ?

1974

דער שיכפּוצער אין פּאַרק איז ניט קיין שיכפּוצער. ווער דען ?
אַ למד־וואָווניק, שטענדיק אַ פאַרשטעלטער
מ׳זאָל מיינען אַז אַ שיכפּוצער אין פּאַרק. נאָר איך דערקען :
דער זקן איז אַזאַ וואָס ווערט ניט עלטער.

ס׳דערקענט אים אויך אַ טרילער וואָס ער לערנט פליַיסיק טראָפּ,
נו, ווייסן מיר שוין ביידע : ער איז כּלומרשט
אַ שיכפּוצער. און ס׳פּאַלט אַ טריל פון שנעבעלע אַראָפּ,
ווי ס׳וואָלט אַ קאַרש געפאַלן פונעם בוים ערשט.

און אַז איך שפּאַן דורך זיַיטיקער אַלעע אים פאַרביַי
צום ווינציקסטן אַזוי אַ יאָרן צוואַנציק,
דערזע איך פּנימער פון גאָלד און פּנימער פון בליַי
און אויסגעשטרעקטע פיס צו מאַכן גלאַנציק.

זיי מיינען אַז דער זקן שטאַמט פון אַ געמיינעם שטאַם,
אַ סימן : ער איז טונקל, ניט־געוואַשן.
ער שקראָבעט זיי די בלאָטע און עס גיבן אַזש אַ פלאַם
די טויטע נעז פון שטיוול און קאַמאַשן.

און בלויז דער טרילער (אָדער זיַינס אַן אייניקל) און איך,
מיר ווייסן ביידע זיכער, אָן מסתּמאס :
דער שיכפּוצער איז דווקא ניט קיין שיכפּוצער פון שיך,
דאָס בערשטלט ער פאַרשטויביקטע נשמות.

1974

צונויפגעוואַנדערט האָבן זיך די פינגער. און זיי קנעטן
פון חלום־ליים, דאָס איז אַ ליים פון אַנדערע פּלאַנעטן,
מײַן אויסלייזער. אַ קנעטעניש אי פײַנלעך, אי טשיקאַווע :
אַזוי פון אָדמס ריפּ האָט זיך אַרויסגעקנאָטן חווה.

עלאַסטיש־בײַגעוודיק די ליים. איך פיל אַן אויג, אַן אָרעם,
ס׳געשטאַלטיקט זיך אַ וווּנדער אין זײַן וווּנדערלעכסטער פֿאָרעם.
זײַן ריח איז פון האָניק איבער זשומענדיקער גריקע,
דורך זײַנע גלידער שווימט אַרום דער מילכוועג, מײַן יניקה.

די קנעטעניש און רעטעניש געדויערט ביז באַגינען,
ביז וואַנען ס׳קרייט דער מאָרגן־שטערן און ס׳דערוואַכן בינען.
ביז וואַנען ס׳גלײַכט זיך אויס די ליניע צווישן גײַסט און חומר,
און מײַנע פינגער זענען בלויז די הענט פון זייער טרוימער.

נאָר אַז דער מאָרגן־שטערן קרייט פון צווייטן מאָל צום דריטן,
צעשיטן זיך די גלידער פון מײַן אויסלייזער ווי בליטן.
עס וואַנדערן אַוועק די למד־וואָווניקעס, די פינגער,
אַ לויב צו זיי : אַ גרויע האָר אַן איינציקע ווערט יינגער.

1974

גוט־מאָרגן, פּיקהאָלץ, אויב חלילה האָסט ניט וואָס צו פּיקן,
דערשוועב אַהער און פּיק מיר אויס, מישטיינס געזאָגט, מײַן שׂכל
וואָס מענטשנקינדער מיינען: אַן אַנטיקל פון אַנטיקן,
און ווערליק מײַן השגה איז ער ווערט אַ האַלבן שמייכל.

דערשוועב צו מיר, באַשנאָבלטער, און זאַלב מיך פאַר דײַן שוטה,
פאַרגין מיר די מתיקות פון דײַן ציינדלדיקן שנאָבל.
סימבאָלן זענען מײַנע טעג, פון חלום־ליים געבויטע,
נאָר איכ׳ל דיך באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ און קנאָבל.

אַזוי פיל מלאך־המוותלעך פאַרבערענגען אין מײַן קאָרע,
און יעדער מיט זײַן אויסגעפּרוּווטן סם און פײַל־און־בויגן.
זיי לאָקערן. זיי זענען תּמיד לעבעדיקע, וואָרע,
אַזאַ האָט זיכער דורכגעשאָסן דאַנטען ביידע אויגן.

דערשוועב צו מיר און פּיק זיי אויס דעם כּוח, זײַ אַ בריה,
איך דאַרף זיך נאָך פאַרוואַנדלען אין אַ קינד פון זעקס צי זיבן,
איך דאַרף צעטרייסלען ווערטער, זייער מאַכטיקע אימפּעריע,
איך דאַרף באַשאַפן אַנדערע, צו קאָנען אַנדערש ליבן.

1974

באַשערט איז מיר צו זײַן אויף דר'ערד אַ רואה־ואינו־ניראה,
באַשערט צו זען ווי קורץ און אייביק איז דאָס לעבן. הינטער
אַ וואָלקן, ווייס איך, איז פֿאַראַן אַ קליינע טרער, פֿון אירע
שוואַרצאַפּלען פֿאַלט נאָך אַלץ דער זויבער פֿון מײַן ערשטן ווינטער.

די קליינע טרער איז פֿול מיט גרינע אותיות, נאָר צום פֿאַלן,
זי בליצט אַציַנד אַרויס מײַן זעקסטן צענדלינג. זי, די קליינע.
זי וואָלקנט אויס אַ יענוועלטיקן מאַן, וואָס איז אַ בעלן
אַרײַנצוגיין צו מיר, ווי איך אין אָוונט צו מײַן שכנה.

מײַן שכנה שלאָגט זיך דעמאָלט לאַנג על־חטא אויף די קלאַווישן
און ס'בלײַבט איר נאָך אויף מאָרגן און אויף איבער־איבער־איבער.
מײַן שכנה זעט ניט, אַז איך זע, אַז עמעץ קומט זיך מישן,
און ס'בײַסן אירע ציין מײַן שאָטן: ליבער־ליבער־ליבער.

דערנאָך, אַז וואַנדיק שלײַדערט זיך מײַן שאָטן אין איר דירה,
אַנטפּלעק איך מײַן פֿאַרהוילענעניש, אַ טראָפּן טינט אין שפּיגל.
זי ווייס ניט אַז איר שכן איז אַ רואה־ואינו־ניראה
און אַז ער פֿליט אין שטורעם זעט ניט קיינער זײַנע פֿליגל.

1974

פאַראַן אַ בענטשנדיקע פרייד, זי איז מייַן פרייד אין לעבן,
און אויב ס'וועט עמעץ דרייען מיט אַ וואָנצע — מילא, זאָל ער:
דאָס איז די פרייד פון געבן, געבן, געבן, זיך צעגעבן,
ווי הונגעריקן לייַוונט עס צעגיט זייַן פאַרב אַ מאָלער.

באַשטענדיק זיך צעגעבן, זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רעגן
צוזאַמען מיטן רעגן־בויגן זייַנעם און דער כמאַרע.
פאַרוואַנדלען זיך אין רעגן און צעשענקען מייַן פאַרמעגן,
בייַ איטלעכן זאָל אויפגרינען אַ פּיצעלע סאַהאַרע.

צו וואָס באַדאַרף איך אויסטערלישע ווערטער, גראַמען, קלאַנגען,
אַז אויסטאָן וויל איך אָפּט מייַן הויט און שענקען זי אַ בעטלער?
אָ, גרויסע פרייד פון געבן, ווי עס גיבן פעלדער זאַנגען,
כ'וויל יעדערן וואָס געבן, חוץ דעם ציניקער און שפּעטלער.

פונאַנדערשענקען וויל איך מייַנע סודות און רמזים,
געהיימענישן, טונקלענישן, כּישוף, זאַבאַבאָנעס.
און אויב ס'וועט עמעץ וועלן זיי מגלה זייַן, איך לאָז אים,
אַבי די פרייד פון געבן, זיך צעגעבן אין מתּנות.

1974

קודלאַטער כּלב — גורל, זאָלן לעבן דײַנע ציינער!
צערײַס, צעפּליק, נאָר ווײַז מיר ניט הכנעהדיק די לאַפּע.
אָן וווּנדן בין איך גאָרנישט. קיינער. ווינציקער ווי קיינער.
כ׳וויל בעסער זײַן אַ שלאַכטפעלד און אַ סודותדיקע מאַפּע.

באַשפּילקעט איז די מאַפּע מיט מפּלות ניט צום ציילן
און ווײַט בײַם האָריזאָנט אין רעגן ברענען מײַנע גיטער.
קודלאַטער כּלב, בלויז די ציינער דײַנע קאָנען היילן,
ווי קרײַטעכצער וואָס מאַכן זיס וואָס מער זיי זענען ביטער.

די שפּילקעס היפּערן אין לײַב פון אָוונט ביז באַגינען
און זאָגן אָן, אַז ערגעץ גרייט מײַן שונא אַן עלעגיע.
קודלאַטער כּלב, כ׳האָב נאָך איין מפּלה צו געווינען,
און זיבן טראָפּנס גאָלד פאַרטרוי איך איצטער מײַן סטראַטעגיע.

אין אַלע זיבן פּריזמעט זיך מײַן פּנים. יעדער טראָפּן,
אַרויסגעקײַקלט זיך מיט מזל, בלײַבט שוין אַ קאַפּויער.
כ׳האָב ליב די ווײַסע ציין פון שרעק צופּוסן און צוקאָפּן,
צערײַס, צעפּליק, נאָר קוש ניט מײַנע פּיאַטעס מיט באַדויער...

1974

דער ים־גאַלאָפּ, דער ים־גאַלאָפּ — צו וואָס פאַרשלינגט ער מײַלן,
און וועמעס ווילן קוילערט אים, ער זאָל צעוואַקלען זײַלן ?
אַביבע ס׳איז אַ שפּיל אַזאַ, אַ שפּיצל פון באַשאַפער,
אַז בלײַבן זאָל אַ שנירל שוים פון מוראדיקן לאַפער.

אַזאַ מחשבה נורטעוועט קהלתדיק בײַ איינעם,
אַרויסגעשלײַדערט אויפן זאַמדברעג מיט דער נאַכט אין איינעם.
און ווען עס בלעזלט זיך דער שוים אין שוימיקער אַגאָניע,
דער ים־גאַלאָפּ איז ווידער דאָ : אַ נאַקעטע סימפאָניע.

אַ נאַקעטע סימפאָניע אויפן דעק פון ים געבוירן,
אַזוי ווערט אויך דאָס לעבן אויפן דעק פון ים געבוירן.
אַ טעות, טראַכט דער מענטש, אויך שוים איז אייביקייט און דויער,
ווי קלײַבט זיך עס אַרײַן דער גאַנצער ים אין קליינעם אויער ?

ס׳דערנענטערט זיך אַ שטילקייט־ווײַן פון אויפגעפּראַלטע שפּונטן,
און אויבן שווימט אַ ווײַסע האַנט און ס׳פּאַלט איר אָפּשײַן אונטן.
אַ זכיה צו דערזען, דערפילן ווי עס קומט איר גנאָד אָן,
אוןביידע שלאָפן אײַן : דער ים־גאַלאָפּ און דער בן־אָדם.

1974

דער זעלביקער וואָס האָט געבענטשט, ער האָט מיך אויך געשאָלטן.
כ׳נעם־אָן פאַר ליב די צווילינגשאַפט פון האַניק און פון עסיק.
אַ דאַנק פאַר בענטשן מיך מיט פריַינד. אָן זייער כּוח וואָלטן
ביַינאַנד מיט מיר די ווערטער מיַינע אויסגעצאַנקט מעת־לעתיק.

פאַר מיַינעטוועגן מאָלן זיי און האַמערן און קנעטן,
פאַר מיַינעטוועגן קיַיקלען זיי אַראָפּ פון האַרץ פּאַעמעס.
אַ, מיַינע איכן זענען זיי, די מאָלער און פּאָעטן,
און זייער איך בין איך, אַפילו אַז איך ווייס ניט וועמעס.

פאַר זייערטוועגן האָב איך ווען געזונגען אין אַן אָרון,
פאַר זייערטוועגן האַלט איך נאָך מלחמה פאַר אַ קאָמע.
און שטאַרבן זיי, ערשט יעמאָלט ווערן מיַינע פריַינד געבאָרן
אין גרינער קינדערוויג פון מיַין צעהוידעטער נשמה.

פאַר מיַינעטוועגן וואַרעמען זיי אָן די קאַלטע שטערן,
פאַר מיַינעטוועגן שפּילן זיי: אַ פידל צי אַ טשעלאָ
דערלאַנגט פון זיך אַ קוואַל אַרויס מיט שימחה מיַינע טרערן.
פאַר זייערטוועגן שריַיב איך די־אָ שורות. אָמן־סלה.

אַברהם
סוצקעווער

1975

אַ שווערער עפל ציט אַראָפ אַ פולן צווײַג מיט זומער,
פון דר׳ערד וואַקסט אויס אַ דלאָניע, ער זאָל וויסן ווו צו פאַלן.
אַזוי, נשמה, נייגסטו זיך אַלץ נידעריקער, שטומער,
געלאָדן שווער מיט זאַפט און צײַט און יוירנדיקע שטראַלן.

ביסט אויך אַ פרי אויף אַ צווײַג, אין פרדס פון דײַן היטער,
אומזעעוודיק ווי דער וואָס האָט דיך זעעוודיק באַשאַפן.
און ערגעץ וויינט אַ קינד אין וויג און כליפעט זיס־און־ביטער,
אַלמאַי אַזאַ נשמה קאָן קיין אַנדערער ניט שאַפן.

דער שווערער עפל שפילט זיך נאָך אַ רגע מיט זײַן שאָטן,
עס רײַט פאַרבײַ אַ וואָלקן דאָן־קיכאָטיש, מיט אַ פיקע,
ווען אונטער גראָז, אַ גאַנצע נאַכט פון רעגנפיס געטראָטן,
די וואָרצלען יאָגן אין גאַלאָפ צו ציִען די יניקה.

און אַז דו וועסט זיך אָפרײַסן פון צווײַג, אַהינטער נעפל,
מיט זאַפט און צײַט און יוירנדיקע שטראַלן שווער געלאָדן,
דערמאָן זיך ווי דעם זומער ציט אַראָפ אַ שווערער עפל
און אַז בײַם פאַלן ירשנט אים אַ דלאָניע פונעם באָדן.

1975

און אויב אַן איינציקער פֿאַרלאַנג איז גילטיק אױף מײַן קאָנטע,
אַזאַ איז ער מײַן איינציקער, איך וועל אים ניט פֿאַרבאָרגן
און זאָלן מוחל זײַן פֿאַרלאַנגען ווײַטע אָדער נאָנטע:
אַ רגע בלויז... איך וויל דערזען דאָס בלימעלע פֿון מאָרגן.

אַזוי, למשל, ווי איך האָב געהאַט אַ מאָל די זכיה
דעם נעכטן מײַנעם צו דערזען דורך שטראָמענדיקע פּונקען
אין קעסלגרוב, ווען כ׳האָב זיך פּײַן געטרונקען אין ווילײַע
און אויך די טרערן מײַנע האָבן אײַליק זיך געטרונקען.

אַזוי, למשל, ווי ס׳דערזעט אַן אָדלער הינטער סקאַלעס
און רויִק איז מקנא אים אַ זקן אין זײַן וואַנדער.
מײַן איינציקער פֿאַרלאַנג איז צו דעם איינציקן: התגלות
פֿון מאָרגן. מאָרגן. איידער ס׳פּאַלט די איצטיקייט פֿונאַנדער.

און אַז ער וועט מיך זאַלבן אין זײַן גנאָד מיט זײַנע טויען,
דערקענען וועל איך שוין דעם פֿרילינג ווערדליק ערשטן בלימל.
נאָר קיינעם וועל איך שפּעטער מײַן דערזעונג ניט פֿאַרטרויען,
אַחוץ אַ הויפֿן ערד, אַ הויפֿן הימל.

1975

צי בליט אַ דאָרן אין דער לופטן? יאָ, עס בליט אַ דאָרן,
בײַנאַנד מיט אים — אַ ווידערקול אין טורמע פון זכּרון:
דערפֿאַר ווײַל האָסט מיך ניט באַפֿרײַט פון דאָרנדיקער קראַטע,
באַשערט איז דיר אַן אַנדער לופט, אַ דאָרנלופט לעת־עתּה.

געפֿאַנגען אַלץ אין דײַן זכּרון, קאָנסטו אויך ניט פֿרײַ זײַן,
דער שײַטער־הויפֿן טליִעט נאָך און ס׳פֿרירט אים ניט קיין אײַז אײַן.
צעשפּאָלטן איז מײַן שאַרבן ווי אַ טאָפּ צי ווי אַ טעלער
און כ׳וויס: דער מערדער זשליאָקעט ביר אין אַלט־באַקאַנטן קעלער.

ניט מיין, ס׳איז אויפֿן לעבעדיקן בלויז אַ גאָטס רחמנות
און בלויז די זונוועלט איז געמישט פֿון טויבן און וואָראָנעס.
קוים ווערט אַ מענטש געבוירן, בלײַבט שוין ערגעץ זײַן שוואַרצאַפּל
און טויטערהייט, ער איז נאָך מיטן לעבן זיך מטפּל.

דו האָסט געטאָן אַ נדר און דעם נדר ניט געהאַלטן,
אַן עדות איז דאָס וואָרט נקמה. האָסט אים ניט געהאַלטן.
כ׳וועל תּפֿילה טאָן צום רעגן ער זאָל אָפּשווענקען די פֿליאַמע,
דערמאָנסטו זיך דאָס קול? איך בין געווען און בין דײַן מאַמע.

1975

פון ביכער־טאָוולען צווײ און צווײ, געאָרעמט און געווינקלט,
כ׳האָב אייגנהאַנטיק, אייגנהאַרציק אויסגעבויט אַ קאַמער
פון אומבאַקאַנטע ווערטער, קוים באַלויכטן און באַשפּרינקלט,
און אויסער דעם רשות פון טויזנטאויגיקן פאַרסמער.

אַ קרעטשמעלע אין ווילדן וואַלד... פון זיך אַליין באַהאַלטן,
באַהאַלטן אויך פון מעשענעם אָרקעסטער אין די בוינעס.
אַהער געגעגען איינציקווײַז די טײַערסטע געשטאַלטן,
פאַרלוירן אין דער אייביקייט, און זייערע זכרונות.

פאַראַן אין וואַלד אַזעלכעביימער וואָס געבוירן פייגל,
אַ רעגן איז פאַראַן מיט בריוו צו מתים אין דער נידער.
פאַראַן אַ בלום וואָס רייטלט זיך ווען עמעץ וואַרפט אַן אייגל
פון צווישן לופט־און־גראָז אויף אירע לײַכט־אַנטבלויזטע גלידער.

זיי אַלע קומען אין מײַן פּיצל קרעטשמעלע און ברענגען
באַגלייטנדיקע בשׂמים פון אַ נאַכטיקן מהלך.
און ס׳בלײַבט נאָך אַלץ אַ פּוסטעניש פאַר בריוון און פאַר לענגען
און ס׳וועט זיך נאָך געפינען אַ געלעגער פאַר אַ מלאך.

1975

פֿאַרהוילן איז פֿון דיר דער זינען פֿון געהיימוואָרט: גורל,
זײַן אַדרעס אויף דער גאַנצער ערדקויל וועסטו ניט געפֿינען.
און איך, אַן אָפּגעזונדערטער, פֿאַרמאָג אַזאַ מנורל
אים אויסצוזוכן אין אַ נאַכט וואָס האָט ניט קיין באַגינען.

אים אויסצוזוכן און דײַן גורל בעטן אָדער צווינגען,
גן־עדן־סם אַרײַנצוגליִען אין דײַן חלומס בעכער,
צעשמאָלצן זאָלן ווערן יענע זשאַווערדיקע רינגען
וואָס האַלטן דיך געפֿאַנגען אין דײַן היים, ווי אַ פֿאַרברעכער.

ווי קינדער ערשט־געבוירענע, ס'האָט ווער אין אַ מהומה
אַזוי פֿאַרביטן צוויי גורלות ענלעכע. זיי זענען
געוואַקסן קידער־ווידערדיק. פֿון שטעגן־וועגן קרומע
כ'וועל ברענגען דיר דײַן אמתן און דו וועסט אים דערקענען.

דו זוניק לעבן, שוין צעפּליקט פֿון גורל־וואָלף אויף שטיקער,
אַ צווייטער וועט דיך וואַרעמען, דיך וואָרענען, באַשיצן.
דער צווייטער וועט פֿאַרזוכן דײַן געוויין און ווערן שיכּור
און ציִען וועט אַ זומער־וואָלקן לאַכנדיק מיט בליצן.

1975

בײַ טאָג אַ לוויה, בײַ נאַכט אַ קאָנצערט
און קומען סײַ דאָרטן סײַ דאָ איז באַשערט.

באַשערט אַ קאָראָמיסל אויפֿן גניק:
צוויי פּולינקע עמערס מיט אומגליק און גליק.

אַז ליידיק וואָלט הענגען אַן עמער, קאָן זײַן
דער צווייטער וואָלט קיין מאָל קיין פֿולער ניט זײַן.

די זאַלץ וואָלט ניט פֿילן איר טעם און זי וואָלט
פֿאַר זאַלצעלער זיבן אַן אוצר באַצאָלט.

און ס'ליבט וואָלט געוואָרן אין קנײטשן און קראַנק
ווען ס'וואָלט ניט אַ שאָטן אים זײַן אַ געטראַנק.

בײַ טאָג אַ לוויה, בײַ נאַכט אַ קאָנצערט
און קומען סײַ דאָרטן סײַ דאָ איז באַשערט.

און פֿילן דעם זיווג פֿון ערד און מוזיק:
די פֿולינקע עמערס פֿון אומגליק און גליק.

צוזאַמען־צוזאַמען דער דאָרטן און דאָ
און ס'בייגט זיך אַ שטראַל צו דערשווימען צום דנאָ.

אַזאַ איז די שײַכות פון קאָסע און זאַנג,
אַזאַ איז די איינהייט פון פידלער און קלאַנג.

אַזוי איז פאַרברידערט ג ע ו ו ע ן און פ אַ ר אַ ן,
אַזוי איז פאַרגלידערט אַ פרוי מיט אַ מאַן.

1975

דערקלערן ? ווי אַזוי דערקלערן ?
די זון איז ניט געוואָרן קעלטער,
נאָר שמעלצן קאָן זי ניט קיין טרערן
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

איר ברודער יוגנט איז צעטראָטן
ווי רויטע ווייַנטרויבן אין קעלטער.
שוין זילבערן די האָר בייַם שאָטן
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

די שנייען אירע און פּיאַלקעס
באַקומסטו ניט פאַר אַלע געלטער.
ס׳ווערט אַלט איר קיניג און זייַן מלכות
און בלויז די קינדהייט ווערט ניט עלטער.

1975

די ליים פון צײַט איז ווייך געוואָרן. ס׳גייט שוין אויף די קנעטעניש
פון זונפאַרגאַנג נאָך זונפאַרגאַנג. עס ווערט שוין באַלד געשפּאָלטן
אַ זעמדעלע אין חלום צו צעטרייבערן אַ רעטעניש,
און בלויז די סאָווע פּלאַנכעט פון אַ זילבערלעכן קאָלטן.

די מתים זענען לאַנג שוין אויפגעשטאַנען! זענען האַסטיק
אַנטרונען דאָ פון יענער־וועלט, פון הויקערדיקער משׂא
און מאַכן יאָגאַ, שפּילן שאָך און זענען פרײַ און גאַסטיק,
באַלעגערן די אָפּערע און פּיקן אויס איר קאַסע.

געדענקט נאָך עמעץ ווער עס האָט צעריסן זײַנע גלידער?
צו וואַקלדיק און שוואַך די ציין מע זאָל אַזוינס צעקײַען.
די מתים האָבן ליב אַבסטראַקטע קונסט און קידער־ווידער,
אַנשטאָט אַ קַיִן־צייכן טראָגט אַ הבל־צייכן קַיִן.

און בלויז אַ בלינדער זעער ביזן אָפּגרונט אַ צעשונדענער,
אַ קדמונדיקער נביא וואָס איז קיין מאָל ניט געשטאָרבן
און קיינער ווייס ניט: קײַקלט ער דעם חושך, איז די זון דען ער? —
לויפט אויסלייזן פון תּהום צו תּהום די שמייכלען פונעם קרבן.

1975

אַ שלאַנג אַן אומגעזעענע האָט סם אַ פולע דאָזע
אַרײַנגעגנאָדלט זיס אין מײַנע אָדערן לאַנגאָניק,
אַז איבער מיר די שטערן זאָל ניט שלײַפן מער שפּינאָזע
און תּמיד זאָל אַ טראָפּן גאַל זיך בלעזלען אין מײַן האָניק.

נאָר דעמאָלט האָט אַ קעגן־סם, אַן עליקסיר פון קלאַנגען,
אַ לאָז געטאָן זיך אינעווייניק צו באַהערשן יענעם,
אַז בעטלען זאָל דער שונא גנאָד בײַם פירן אים געפאַנגען
און אויפהייבן די לאַפּעס אונטערטעניק זאָל דאָס גיהנום.

פאַרלוירן צי געוווּנען? ס'איז געבליבן לזכּרון
אַ נעדעלע אין מיר; און ווען עס גיט אַ שטאָך, אַ גראַבל,
פאַרוואַנדלען זיך אין אויערן די אויסגעצאַנקטע יאָרן
און הערן פון אַן איילבערטבלעטל דאָס געוויין פון מבול.

פאַרוואַנדלען וועל איך צײַט אין רוחניות, אָט איז מײַן אידעע!
פאַרוואַנדלען וועל איך טויט אין לעבן; איך, דער לאַנג־פאַרלענדטער.
פאַרוואַנדלען וועל איך גראָז אין אַ קאָסמישער אַלעע,
פאַרוואַנדלען וועל איך זיך אַליין, אין מענטש וואָס מיר איז נענטער.

1975

דער פֿידלשפּילער שפּילט און ווערט אַלץ דינער, דין און דינער,
שוין דינער פֿונעם פֿידל־בויגן, דינער פֿון אַ סטרונע.
אַנשטאָט איר האַר, די פֿידל שפּילט אַליין אַלץ דינער, דינער,
און אויף אַ ווײַסן שײַטער ברענט איר האַר פֿאַר זײַן אמונה.

די פֿידל שפּילט אַצינד אַליין אַלץ דינער, דין און דינער,
דער פֿידלשפּילער קאָן איר קיין טרונק וואַסער ניט דערלאַנגען.
אַליין די קלאַנגען שפּילן און זיי שפּילן דינער, דינער,
ביז וואַנען אויפֿן שײַטער גליִען קלאַנגען, גליִען קלאַנגען.

עס גליִען קלאַנגען אויפֿן שײַטער, גליִען דין און דינער,
שוין שפּילט אַליין די פֿינצטערניש אָן פֿידל און אָן בויגן.
זי שפּילט אָן קלאַנגען און איר שפּילן — דינער, דינער, דינער,
ביז וואַנען מיר צעפֿינקלען זיך אין אירע שוואַרצע אויגן.

אָ, פֿינצטערניש, פֿאַר וועמען שפּילסטו דינער, דין און דינער,
פֿאַר אונדז, די קליינע טרערן? איז באַשערט אונדז דײַנע גנאָדן?
מוזיק פֿון טרערן. קליינע טרערן. דינער, דינער, דינער,
צוזאַמען מיטן ווײַסן שײַטער און דעם שוואַרצן באָדן.

1975

כתב־ידן פון חברים, דער נשמהס טינט און פּראָצע.
קאָנווערטן. בריוו. צוריקאַדרעסן בלויז אויף די קאָנווערטן.
און בריוו געבאַקענע אין פייַער, קרישלדיק ווי מצה,
און זייַדפּאַפּיר ווי גלאַטיק לייַב צום איינציקן, באַשערטן —

בייַם צערטלען אייַך, בייַם לייענען ווערט יעדער בלעטל ענלער
צום פּנים דעם געוועזענעם געבויגן איבער טישן.
און אויך דאָס וואָלקנדל אין טרער איז אייגן און דערקענלער
און אויך די האַנט בייַם זייען שוואַרץ־און־ווייַס, ווי אויף קלאַווישן.

אַ שורה זיגלט זיך פונאַנדער און עס בליט אַ זומער,
אַ נאָמען, ווי אין ווינט אַ מאַגבלום, רייטלט זיך מיט יונגשאַפט.
כ׳קאָן ענטפערן. ס׳איז דאָ די גאַס, פאַראַן איז אויך דער נומער,
און צווישן וואָרט און וואָרט אַ שווייַגן, וואָס די האַנט און צונג שאַפט.

אַזוי זעט אויס אַ בראַנפּנדיקער נעפּל, העל און במאַרנע,
באַגינען אין אַ סאַד, אַז גראַניט זעט׳ן גראַניט הערט׳ן;
ביז נאַסע קרוינדלער נעמען פינקלען איבער קאַרש און באַרנע
און איך דערקען די נאַסע שמייכלען איבער די קאָנווערטן.

1975

ניטאָ די גרינע אויגנפּאָר פון לאַנג־לאַנג־לאַנג. די גרינע
ווי יאָדלעוואַלד. נאָר קוים איך זע די אויגן, איז אַ סימן:
זיי זעען מיך. און יאָדלע־צווײַגן־גרין איז אויך מײַן קינאה
צו גײַסטער אויסגעהונגערטע, צו קלאַנגען און צו שטימען.

ווען גאָט וואָלט בלויז באַשאַפן זייער גרין דאָס טונקל־גרינע,
ער וואָלט געווען דער זעלבער גאָט. ווי קאָנען זיי ניט־ווערן?
איך בלאָנדזשע אין אַ וואַלד: עס ברענט די זון אין פּאָוועטינע,
פון גרינע היילן שורשען צווישן וואָרצלען גרינע טרערן.

ווען די אַ גרינע אויגנפּאָר וואָלט אונטערגיין אויף אייביק,
אַנשטאָט אַן אייביק וואָלטן זײַן צעוועדעמטע סעקונדן.
איך בלאָנדזשע אין אַ וואַלד: ס'איז נאַכט. אַ וואָרצל שלאָגט נאָך גלייביק,
די זון אין פּאָוועטינע איז נאָך אַלץ דאָ ניט פאַרשוווּנדן.

זיי זעען מיך, די טונקל־גרינע, וואַרטן אויף אַ סימן,
זיי ציטערן בײַנאַנד מיט זייער פּנים ווי זאַווי מיר.
און שורשענדיקע טרערן פון די גרינע היילן שווימען
אַרײַן אין מײַנע זעונגען און לאָזן זייער גלי מיר.

1975

מיט יעדער נײַעם דונער וואָס דו האָסט מיר פרײַ געשאָנקען,
געשאָנקען האָסטו מיר אַ נאַסן בליץ פּאַר אַ באַגלייטער
צו לינדערן די ליידן, צו באַגראָזן און באַלאָנקען
מײַן אָפּגעברענטן אַלף־בית. ניטאָ צו אים קיין צווייטער.

און וואָרהאַפּטיק, דײַן בליץ איז ניט געוואָרן פריִער נעלם
קוים האָט ער ניט באַלויכטן מײַנע שׂונאים, די שאַקאַלן,
און לאָקערדיקע שדימלעך אין פאַנצער און אין העלעם;
זיי האָבן זיך פאַסמאַקעוועט פאָרויס מיט מײַנע שטראַלן.

דײַן בליץ באַלויכט מײַן פינצטערניש, דײַן בליץ באַלויכט מײַן פײַער,
אַ שאָטן אָנגעכאַפּט בײַם האַלדז — ער זאַלבט אים פּאַר אַ ווײַסן.
דײַן בליץ באַלויכט אַ ווערעמל, אַ קראָ, פּאַפּיר־און־בלײַער
און אויך דעם טויזנטאויגיקן, דעם סאַפּענדיקן כּעסן.

דערקענטעניש פון בליץ און דונער,ביידע זענען אייניק,
ס׳באַלויכט דער בליץ די ווונדן וואָס דער דונער האָט געבוירן.
און ביידע זענען הונגעריק און פּאַר מײַן הונגער ווייניק:
דער אָפּגעברענטער אַלף־בית נעמט ווידער יוירן, יוירן.

1975

נאָך וואָס און וועמען בענקסטו ? — כ׳בענק נאָך גאָרנישט ניט, נאָך קיינעם,
פאַרשלונגען איז אין גאָרנישט אַלץ. און אַלץ איז מײַן פאַמיליע.
נאָך איינס אַ יאַטל בענק איך צווישן קאַרשנביימער־שכנים :
צעטרייסלען קאָן ער מיט אַ שטיין אין ברונעם אַן אידיליע.

און ווײַטער ? — נאָך מזוזהדיקע בינען. די וואָס בײַסן
מחיהדיק, אַנשטאָט אַליין אַ קוש צו טאָן די פינגער.
באַגאַנגען זענען זיי אַ זינד און גאָרניט אויף צו פלײַסן :
אַ יאַגדע צוגערויבט אין וואַלד בײַ פייגעלער, בײַ זינגער.

און ווײַטער ? — נאָכן שליסל אינעם ים, אויף זײַנע דנאָען ;
פאַרלוירן האָט אים דאָרטן בעתן וועלטבאַשאַף דער מײַסטער.
און ווײַטער בענק איך נאָך אַ צײַט וואָס האָט ניט מער קיין שעהען,
צעטרענצלט האָב איך זיי, ווי אַ מאַגנאַט אַ פולן טײַסטער.

איך בענק נאָך גאָרנישט ניט. נאָך קיינעם. הינטער יענער הילע
בלויאויגיק בליִען ווערטער און עס לעבט אין זיי אַ רעגן.
און צווישן מיר און זיי אַ תהום. אוןביידע טוען תפילה :
אַ רעגן־בויגן זאָל פון תהום דערנענטערן די ברעגן.

1975

דו ציטעריקע כוואַליע אויפֿן ברעג פֿון ים־התיכון,
דערציילֿ מיר ניט אַז ביסט אַ כוואַליע, בלאָז און ראָז און גסיסה.
געהערסט צו מיר. דו ביסט אַן איינס פֿון מײַן געזעמל איכן,
לפֿנים האָסטו זיך פֿאַרשטעלט: אַ כוואַליע אַן אַקטריסע.

אַזוי פֿיל כוואַליעס. צו קיין איינער ביסטו ניט געגליכן
און וואָלט אַ דעמאָן שמידן דיך אין קייטן, אַ געשמידטע
געקומען וואָלסטו קניִען אויפֿן ברעג פֿון ים־התיכון,
ווײַל בלויז מײַן שווײַגן־צו־די־הימלען האָט אויף דיר אַ שליטה.

אַרויסגעחלומט האָב איך דיך פֿון קבר דו זאָלסט ברענגען
פֿון בליִענדיקן עץ־החיים זיבן גרינע בלעטלעך.
און איצטער ביסטו אויסגעלייזט פֿון ברייטן און פֿון לענגען
און אייביק לעבן ברענגסטו מיר גן־עדנדיק און געטלעך.

אַרײַנטאָן וועל איך עס צו זיך אין גאָרטן; עס אַרײַנטאָן
אין ליפּן אויפֿגעשניטענע, דער צער זאָל ווערן לינדער,
און זען אַ זעונג ווי דער מאָרגן טוט זיך אינעם הײַנט אָן
און ס'טיילן זיך מיט מײַנע ליפּן קינדער און קינדסקינדער.

1975

אַ מירטן־ריח האָט געפירט מיך פאַר דער האַנט אין צפתער
געבערג. דערפירט מיך צו אַ הייל; איך האָב אין איר געפונען
אַ שלאָפנדיקן רעגן־בויגן ביי אַ קוואַליק וואַסער:
עס ציִען זיך אַהער די וואָרצלען פון פאַרשטויבטע זונען.

כ׳וואָלט מעגן אויסטאָן מיינע שיך, נאָר האַנטיק צו באַרירן
דעם שלאָפנדיקן רעגן־בויגן איז געווען אַ העזה:
צערונען זענען טרעריק זיינע זעלטנסטע קאָלירן,
קוים האָט ער אויפגעוואַכט און בלויז אַ בייט געטאָן די פאָזע.

די צינגעלער אין וואָרצל־העלדזער — אָפגענאַרט און טרוקן,
פאַרשטויבטע זונען וועלן אויסגיין דאָרשטיקע, אָן טראָפנס.
אַ רעגן־בויגן אויפוועקן פון חלום איז מסוכּן,
די שטילקייט מעג בלויז צוויטשערן אין הייל ביי זיין צוקאָפנס.

אַזוי וועט אויך געשען אַז עמעץ וועט דיך ווען געפינען
אין הייל פון דיין פאַרלוירנקייט צו איינשטילן אַ נייגער:
אַ הענגל סודות וועט אַראָפּ פון זינגען און פון זינען
און וועסט ניט וויסן פון דיין איך, דעם דימענטענעם שווייגער.

1975

פאַראַן אַן אויסטערלישער טעם, פון מילגרוימזאַפט באַטעמטער
און אויך פון ווײַנטרויבן אין מידבר ווען אַן שאָטן פלאַמט ער:
בשעת אַ רעגן קוילערט זיך אין רויטן שטויב פון שטעגלעך
און אויף ירושלים־בערג פאַרזוכן אים איז מעגלעך.

אַיעדער שטויבל ווערט אַ פרי אַ קדמוניש־היגע,
אַ פרי פונעם הימל און דער ערד, אַזאַ מזיגה.
און אַז דו מאַכסט אַ ברכה און פאַרזיגלסט זי מיט ליפּן,
פאַרקניפּן וועט זי דיך מיט הימל און מיט ערד פאַרקניפּן.

ווי זידנדיקע מילך לויפט אויס אַ וואָלקן; און אַ צווייטער
גינגאָלדיק נידערט אויפן רעגנס הענגענדיקן לייטער.
עס קנעטן שטראָמען שטיקער פעלדז מיט מבולשער דינאַמיק,
נאָר גאָרנישט איז אַזוי ווי שטויב אין רעגן פריש און טעמיק.

פאַראַן אַ טעם פון חלום (צו אַ גומען קוים דערגאַנגען),
פאַראַן אַ היילנדיקער טעם פון גאָט־געבענטשטע קלאַנגען;
דער טעם פון שטויב אין רעגן איז פון מילגרוימזאַפט באַטעמטער
און אויך פון ווײַנטרויבן אין מידבר ווען אַן שאָטן פלאַמט ער.

1975

לויפנדיקע מוסקלען פונעם טויט אין מידבר: דיונעס,
אונטער זיי אַ שערבלעניש פון קרוינען און אמונות.
נאַכט אין מידבר.
מידבר איז די נאַכט.
אויסגעברענטער אָטעם פון די שטערן זייער וועכטער.

עמעץ לאַכט,
עמעץ לאַכט
אַ קאָסמיש געלעכטער.

ס׳לאַכן קוילערט זיך. אַ קוילער
נאָך אַ קוילער און צוריק,
אימהדיקער, נאַקעט־הוילער,
מיט אַ מידבר־קאַץ אין בליק.

לאַכט עס פון באַשאַף דעם בוראס,
לאַכט עס גאָט פון זיין באַשאַף?
זיי אַ חכם ווער געוווּיר עס
און צערייס דעם לעצטן דף.

עמעץ לאַכט
פון זיין אייגן געלעכטער.

1975

ווי אַלט זײַט איר, גראָזן?
צום אײנס פונעם אײנציקן
וויפל געסיליעטע נולן
אויף גאָר דער יבשה?
מערער פון אײַך אין דער צאָל
אָדער ווינציקער־ווייניקער?
אַצינד, ווען ס׳דערלאַנגט אײַך דער ים־ווינט
אַ שנעל, אַ צעפּלאָשע,
געדולדיקער קאָן מען אײַך ציילן
און בלײַבן אַלייניקער.

אַנדערע מענטשן און אַנדערע צמחים
אַוו׳ נאָר עס האָט מיך פאַרזעגלט דער ים־ווינט.
בלויז איר זײַט געבליבן די זעלביקע גראָזן
אונטער האָגל און פײַער.
האָגל און פײַער.
ס׳האָט אײַך ניט קאָסע צעשניטן,
דונער — צעשטויסן,
און אײַער נשמה־קאָליר איז געבליבן פון דרויסן.

ווי אַלט זײַט איר, גראָזן?
אַצינד אויף מײַן אָוונט־שפּאַציר
לאָמיר ווערן אַ טרעפער:
עלטער פון מיר און מײַן צונגיקער שאלה,
אַ קאַפּעלע ייִנגער פון אײַער באַשעפער.

1975

די לאָפּעטע ליים אויף דער שמאָלינקער קרקע
זעט אויס ווי זײַן מאַנטל, ווי זײַן מאַרינאַרקע.
צעפלויגן געוועזן, האָט פאַרגעסן זיך אָנטאָן.
אַ רגע. דער מאַן וועט זיך באַלד אַ דערמאָן טאָן.

ער וויל זיך דערמאָנען, עס מאָנען די בגדים,
אַ ווײַטע נסיעה. זיי זענען אַ שאָד אים.
אַ רגע. נאָר וווּ איז אַנטרונען די רגע ?
פאַרראַטן. זי האָט דיך פאַרראַטן, קאָלעגע.

רויטפּיסלדיק היפּערט זי דאָ צווישן צווײַגן,
די גילדענע צווײַגן פון גילדענעם שווײַגן.
און צווישן די אַלע באַגלייטער, באַוויינער,
אים שענקען אַ רגע דערלויבט זיך ניט קיינער.

1975

צו וועמען געהער איך? צו דיר און צו מיר
און איבער אונדז ביידן דעם שטערן.
צוזאַמען איז דרײַ. נאָר אַוווּ איז דער פיר
צו וועמען מיר מוזן געהערן?

עס וואָלטן די דרײַ ניט געשפּילט זאַלבע דריט
אין לעבן, אין טויט און אין ווערטער
און ס'וואָלטן זיך אָפּשטעלן אונדזערע טריט
ווען ס'וואָלט זיי ניט בענטשן דער פערטער.

צו וועמען געהער איך? צום גאָרנישט און גאָר,
צו דיר און צו מיר און צו קיינעם.
און בלויז ווען באַזונדער איך צייל דײַנע האָר
געהער איך צו אַלע אין איינעם.

76־1975

דײַן לײַטער איז דאָך אינעווייניק, אין־דיר איז דײַן לײטער,
אַבי דו האָסט געמיינט אַז דרויסן, אָנגעלענט אָן בוידעם,
און אַז דער ערשטער קלעטערער קאָן אָנקומען דער צווייטער,
אַנשטאָט דעם ערשטן קאָן דער צווייטער אויפהייבן זיך קודם.

אומזיסט געווען צו מיינען און פאַרוואָלקענען שוואַרצאַפּלען :
זעקספליגלדיקע ווערטער זענען גרייט אויף זייַנע שטאַפּלען.
און איינס פון זיי רירט־אָן דײַן דיך בײַם ראַנגלען זיך, בײַם צאַפּלען,
אַז בלײַבן זאָלסטו הינקעדיק בײַם שטײַגן אויף די שטאַפּלען.

זײַ הינקעדיק נאָר לאָז ניט אָפּ די ליניע פון דער שלמות,
דײַן לײַטער וועט ניט אײַנפאַלן פון ערדישן געציטער.
ניטאָ קיין שטערן אין דער נאַכט, נאָר ברענענדיקע שמות,
ניטאָ קיין צווייטער, ביסט אַליין דער צווייטער און דער דריטער.

אין דיר, אַ לעבעדיקער אָטעם אין אַ טאָל מיט ביינער,
אַחוץ דײַן אָטעם קאָן זיי ניט צום לעבן ברענגען קיינער.
אין דיר, ס׳געוויין פון ערב שטורעם און די ים־לופט נאָכן,
דער פוילנדיקער יאָדער און זײַן מאָרגנבוימס נצחון.

צי ראַנגלט זיך אַ מלאך מיט אַ גיהנומדיק פאַרזעעניש?
דאָס ברענט אַ בוים! דאָס קאָרמעט ער און שענקט נאָך זײַנע רינגען
דעם פײַער, אַז דאָס פײַער זאָל אים דאָרשטיקער פאַרשלינגען.
...און פלוצעם זע איך פון דער ווײַט אַ זעעניש:

אַליין איך בין דער ברענענדיקער בוים. איך ברען און קאָרמע
דעם פײַער מיט מײַן אייגן לײַב, אַ האָרמע נאָך אַ האָרמע.
עס ברענען מײַנע וואָרצלען. ס׳ברענט מײַן קרוין. עס ברענט מײַן זינגער
און לעצטע צווײַגן וואַרף־איך־צו דעם פײַער, מײַן פאַרשלינגער.

נאָר איידער כ׳ווער אַ האָלאָוועשקע, נעמט מיך דאָרט באַשיצן
אַן אַנדער פײַער: דאָס געבענטשטע פײַער פון די בליצן
אין וואָלקנוואַלד. אַ גרעזעלע צעוויינט זיך ווי אַ ביבער
און ס׳קערן זיך די ברינעמער פון הימל דרײַ מאָל איבער.

אַ יום־טוב און אַ רעגן־וווּנדער: בײַ אַ שוועל אַ זײַטיקן
דערוואַכט פון אַש דער זעלבער בוים אין העמד פון ליכט־און־שאָטן.
די דרעמלענדיקע פירות וועלן שפּעטער אויך געראָטן,
דערווײַלע זע איך, הער איך ווי זיי צײַטיקן.

דו אָפּגעשיידטע רגע, ביסט געגליכן צו דײַן שוועסטער,
מיליאָנען ליכטיאָרן פּאָרויס. אַ קלאַנג פון אַן אָרקעסטער
איז לײַכטער צו פאַרזיגלען אין דער לופטן, צו פאַרשליסן,
ווי אומצוקערן דיך אַ רגע צו דער ערד און וויסן

ביסט ווידער מײַנע ; און אויך איבערלעבן די הנאה,
די שניטן פון דײַן אַקערמויל ; דאָס פרילינגדיקע, רויע
געשטראָם, די קושן־קערנער אין די אײַנגעצײַנטע בייטן
און אויסצוטרינקען דײַן מוזיק אַ צווייטן מאָל, אַ צווייטן.

עס הויערט נאָך אין פינגערנעסט בײַ מיר דײַן לינדער צאַפּל,
ווי כ׳וואָלט באַרירט אַ פייגעלע, די גרייס פון אַ שוואַרצאַפּל.
אַ גאָלדן רגע־פייגעלע מיט וווּנדיקער מתיקות,
און כ׳וויל אין פוסטער פינגערנעסט אַרײַנציִען צוריק עס.

נאָר דו ביסט ווײַטער פון געדאַנק, ווי ניט־געבוירן ביסטו,
מיליאָנען ליכטיאָרן פּאָרויס און קוים פון דאָרטן גליסטו.
איך האָב אַפילו ניט געקאָנט אַהין־צו דיך באַגלייטן
און איבערלעבן אונדזער פרייד אַ צווייטן מאָל, אַ צווייטן.

אַרײַנצוּען אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל ? ניין, בן־אָדם,
אַפֿילו אין אַ שטורעמנאַכט אַזאַ פֿאַרמעסט איז ווינציק :
דאַרפֿסט זיך אַליין אַרײַנצוּען, אַליין צו זײַן דער פֿאָדעם
און תּפֿילה טאָן, די וווּנדער־נאָדל זאָל דיר בלײַבן גינציק.

און אַלצדינג וואָס ניט מעגלעך וועט שוין יעמאָלט ווערן מעגלעך
און דו, דער פֿאָדעם, וועסט פֿאַרנעמען דאָס געבעט פֿון טײלן.
דערבלאָנדזשען וועלן זיי צו דיר. אין דיר. אויף דײַנע שטעגלעך.
צוזאַמענטוליען זאָלסטו זיי און היילן. היילן. היילן.

מיט לײַב־און־לעבן דײַנס פֿאַרניי די וווּנדן און די ריסן
צעהאַנגענע, געהאַנגענע אויף טויערן און קוימענס.
פֿאַרניי און גיב אַ תּיקון דעם צעמעסערטן געוויסן,
פֿון דײַנע אומגעבעטענע צווייפּיסיקע חלומות.

אַ לשון האָט מיט זײַן געזאַנג אין פֿעלד געריסן קריעה
נאָך איידער ס'האָבן וואָגלענדיקע ליפּן אים געטרונקען.
פֿאַרניי אים אויך ! לכּבֿוד זילבן קינדערישע, פֿריִע,
לכּבֿוד ערשטן מילגרוים און דעם זאַפֿט פֿון זײַנע פֿונקען.

76־1975

טאָג־טעגלעך עסן זיי: די מויז, דער אייזל, די גאָרילע
און אויך דער האָמאָ סאַפּיענס, נאָך ניט אָפּגעוווינט פון עסן.
דאָס מאַלפּעווען זיי נאָך דער צײַט וואָס ווייס ניט פון קיין תּפילה
און לעבעדיקערהייט זי פרעסט די קינדער, די מעת־לעתן.

אַ פרעסעניש אויף דר׳ערד און אויבן אויך די זעלבע סצענע:
קאַפּויערדיקע שפּיל פון ליכט און שאָטן, אומצעשיידיק.
אויך דאָרטן צווישן הימלפעלדזן לאָקערט אַ היענע,
דער מילכוועג זאָל ניט מיינען, ער איז הפקרדיק און ליידיק.

אַ ווערעמל פאַרשלינגט די זון אין מוח פונעם גאָון,
אַ גרין געלעכטער איז דאָס גראָז צוקאָפּנס פונעם פרעסער.
אַ בעזעם קערט צונויף דאָס גאָלד פון אָפּגעשיטע שעהען
און איבער זיי אַ הונגעריקער מאַרש פון גאָפּל־מעסער.

נאָר פריי זיך מיטן הונגער און זײַן הונגעריקן שאָטן:
ווולקאַן פון שטילקייט. בראשיתדיקער נײַגער. ערשטע סיבה.
געזעטיקט — וואָלסטו ניט געשריבן, וואָלסטו ניט געקנאָטן
און טויטער פונעם טויט וואָלט זײַן דער חשק און די ליבע.

די רינגלטויב. איך וואָלט נאָך וועלן וואַרעמען אַ רגע
אַרום איר זוניק בריסטל מײַנע קאַלטע פינגערשפּיצן,
ווי קינדווײַז, און דערנאָך געשווינד אַ לאָז טאָן זי אין פּליראָד,
נאָר ניט קיין טויב אין טויבנשלאַק צו ברענגען; איך וואָלט וועלן

אַרײַנרינגלען זי זאָל אין מיר דײַן שמייכל. בלויז דײַן שמייכל.
אַזאַ ווי ס׳האָט פון טרערנדיקער לופט אים אויסגעקנאָטן
דער אַלבאַשאַפער און מיט זעלבן קול ווי בעתן זאָגן:
זאָל ווערן ליכט! — געזאָגט: זאָל ווערן שמייכל.

געטרײַער איז ער מיר געווען, ווי איך אַליין געטרײַ בין
געווען די ליפּן מײַנע, אומגעשטילטע נאָך זײַן וואַסער;
געטרײַער פונעם קנײַענדיקן שווײַגן וואָס איך שרײַב אין
ירושה־טאָגבוך, אַז צו אים געהערן מײַנע אוצרות.

אַצינד ווען ס׳בלאָנדזשעט ווי אַ זונשטראַל אָן אַ זון דײַן שמייכל
אין וואַלד פון אויסגעהאַקטע שאָטנס, דאַרף דאָך זײַן אַ גזלן
די רינגלטויב זי זאָל ניט וועלן אויספירן אַ שליחות:
אַרײַנצורינגלען אין מײַן אַלטן טויבנשלאַק דײַן שמייכל.

76־1975

אַ חתונה אין גאָרטן. אויך די פֿייגל זענען שיכּור.
בײַנאַנד מיט חתן־כּלה אי זיי טאַנצן, אי זיי ברויזן.
אַז אײנציק ניכטער קול פֿאַרלעשט איר ווײַן, פֿאַרלעשט איר ליקער:
אַ מיידעלע אין גאָרטן אַלאַרמירט: מע קוילעט רויזן!

מע קוילעט רויזן. און געקוילעט איז דער שיינער וועטער.
מע פּאַכעט אין די קוסטן מיט אַ גלאַנץ אַ שטאָליק־בלויזן.
און זייער אונטערשלאַק פֿון זילבער קערן אויס די בלעטער
פֿון ציטערבוים אַנטקעגן אָנהייב נאַכט: מע קוילעט רויזן.

ווער קוילעט רויזן? עמעץ קוילעט. ס׳וועט אַ קינד ניט לײַגן,
זיי שווימען אויף אַ טײַך ווי בינטלער האָר, ווי רויטע קרויזן.
און וויל זיי ראַטעווען אַ וואָלקן הינטער לעצטע צווײַגן —
געקוילעט ווערט ער אויך, אַזוי ווי עמעץ קוילעט רויזן.

עס רעגנט מיט אַ רויזן־רעגן אָטעמדיק און וואַרעם.
דער כּלה־שלייער וויל די שרעק פֿון כּלה ניט אַנטבלויזן.
און שולדיק איז דאָס מיידעלע וואָס האָט געמאַכט אַ ליאַרעם
אין גאָרטן בעת דער חתונה־מוזיק: מע קוילעט רויזן.

עו׳שט יעמאָלט ווען דער חלום־הונט האָט האַרציק זיך צעבולן,
מ׳יך אויפגעוועקט מיט מזל צווישן זשומענדיקע ספרים
(אַ זונשטראַל האָט צום טוי פון שויב, צו פלעמלדיקע נולן,
דערשטעלט אַן אײנס) — דערזען אין דרויסן האָב איך אויף דער וואָר אים,

דעם זעלבן הונט, און ווידער בילט ער. הוידעט מיטן קעפל
כ׳זאָל נאָכגיין זײַן פירפיסיקייט, ער וויל מיר וואָס אַנטפּלעקן
כּל־זמן די וואָר איז נאָך פאַרשיכּורט מיטן חלומס נעפּל.
און כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ בלינדער נאָכן שטעקן.

אַ טויער עפנט זיך אין טאָג. עס וואַקסט אַרויס אַ היכל.
איך קום אַרײַן, ס׳פאַרקלאַפּט זיך הינטער מיר דער העלער טויער.
אַ זקן גוססט אויפן דיל מיט שערבלדיקן שמייכל
און בלויער אַש פון זײַנע ליפּן לוישפּערט מיר אין אויער:

—כ׳געדענק אַ בייזן ווינטער ווען געפרוירן האָבן טרערן,
אַנטליִען האָסטו מיר אַ שײַטל האָלץ אין יענער געגנט,
אַצינד איך מוז דיר אָפּצאָלן דעם חוב: צו דיר געהערן
אויף שטענדיק מײַנע ווײַנשטאָקן פון כּרם. זײַ געזעגנט.

פון טיגער וואָס איך האָב אַ מאָל געוואָלט אין אים אַרײַנגײן
(דער ברודער טויט זאָל אויכעט, ווי זײַן שוועסטער לעבן, אײַנגײן)
בשעת מיר האָבן זיך אין דזשונגל טרער אויף טרער געטראָפּן,
דערגאַנגען איז צו מיר אַזאַ מין דונערבריוו אין סטראָפן:

דו מיינסט איך בין געוועלגערט פון אַן אַנדער ערד און וואַסער,
געבוירן סתּם אַזוי צי לויטן ווילן פון אַ שפּאַסער,
און ס׳האָבן לאַנג פאַרגעסן מײַנע נאָזלעכער דײַן פּנים
און דײַן פאַרלאַנג צו וואַנדערן אין מיר? אַ ניין, איך קאָן אים.

דו מיינסט אַז אונדזערביידנס חלום האָט אַן אַנדער מראה?
איך קאָן אַפילו לייענען די בליצן פון זײַן כמאַרע.
געדענק, אַז אונדזער ביידנס בלוט איז הייס און רויט און פליסיק,
צעהאַלבסטו מיך, אַ שטייגער, בין איך שוידערלעך צווייפיסיק.

דו מיינסט, אַז בלויז אַ מענטשן וועט משיח זיך אַנטפּלעקן?
אַ חיה אויך. און אָפּוואַשן פון מיר די אַלטע פלעקן.
טאָ לאָמיר אים אַנטקעגנטאַנצן שׂלומדיקער, קליגער,
ניט וויכטיק וויפל פיס מיר האָבן — —
דײַן געטרײַער טיגער.

76־1975

אַריבערשווימען. יעדער מוז אַריבערשווימען צונעם
באַשערטן ברעג, צי נאַזנדיק צי גאָר בײַם לייגן קלאַפּטער
און איבערלאָזן ווען אַ ניט־אויסגעשעפּטן ברונעם
וואָס נײַע רינגען, פֿאַר אַ דאָרשט אַ זוניקן, באַשאַפֿט ער.

די הונגעריקע היפּיש־מוזיקאַנטן זעגן, זעגן
און טויט און לעבן ראַנגלען זיך אויף טויט און טויט. ביז איינער
פֿאַרבלײַבט אַליין אַ לעבעדיקער צווישןביידע ברעגן:
אַ לעבעדיקער בלײַבט דער טויט מיט היפּישיקע ציינער.

ווער סיליעט פֿאַר דער אייביקייט אַ שנירל רויטע קרעלן?
און ווער, פֿון טויט און לעבן, איז דאָ אָדם, ווער איז חוה?
קאָן זײַן, אַז אויך יסורים ווילן עמעצן געפֿעלן,
אַזוי ווי ס׳וויל געפֿעלן דער צעשפּרייטער עק פֿון פּאַווע.

אַריבערשווימען. און וווּהין אָן־אַטעם זיי דערשווימען —
באַגעגנט זיי אַ גרינע פֿאָן, צי פֿינצטערניש אָן פֿענצטער?
ס׳וועט עמעץ נאָך פֿון יענע מיר אַ פֿינטל טאָן אַ סימן
און סאַמע ווײַטסטער וועט מיר דעמאָלט ווערן סאַמע נענטסטער.

און יעדע רגע זע איך דיך צום ערשטן מאָל אין לעבן.
דו ביסט אַ סודותדיקער טײַך ; כּסדר ,טײַך׳ און שטענדיק
אַ לייקענונג פון זיך אַליין ; און יעדע רגע אַנדערש
דער נאָמען דײַנער, נאָר ניטאָ פאַר דיר אַזוי פיל נעמען.

טרינקסט־אָן די וואָלקנס און זיי שענקען דיר צוריק אַ רעגן.
און אויב דו פאַלסט אַרײַן אין ים, איז נאָר כּדי זאָלסט קאָנען
יונגטײַכיק שפּאַנען ווײַטער אויף ממשותדיקער ערד
און בלײַבן ווו דו ביסט און שלאָגן שטראָמענדיקע וואָרצלען.

די שטראָמענדיקע וואָרצלען שלאָגן הילכעוודיקער, נענטער,
זיי שלאָגן שוין אַצינד אין מײַנע אָדערן, אין האַרצן.
כ׳בין אויך אַ סודותדיקער טײַך און יעדע רגע אַנדערש
דער נאָמען מײַנער, נאָר ניטאָ פאַר מיר אַזוי פיל נעמען.

ס׳גענענט אַ שטורעם אויפצודעקן אונדז און צו פאַרשטעלן,
מיר וועלן ביידע שפּעטער זיך באַגעגענען אין ים.
און זאָגן וועסטו איידער כוואַליע וועט אַרײַן אין כוואַליע :
און יעדע רגע זע איך דיך צום ערשטן מאָל אין לעבן...

געצויגן האָט אונדז ביידן דאָ, סײַ מיך און סײַ דער מושל,
מיר זאָלן שליסן קאָנטשאַפּט אויפֿן ים־ברעג אויפֿן יפֿוער,
אַז יענע זאָל פֿון וואַסערהײלן ברענגען מיר אין מושל
אַ גרוס פֿון איר באַשאַפֿער.

נאָך קינדיש־ווייך דאָס פֿאַנצערל אַרום דעם ראָזן לײַבל
און וואָרעמלעך: אַ מושלקינד געבוירן אין אַ הײַבל.
נאָך שפּיגלט זיך די צערטלעניש פֿון אָפּגעשיידטן אָרעם
און פֿײַנלעכע געזעגעניש מיט שלמותדיקער פֿאָרעם.

ווען קאָנען וואָלט איך זײַן דער גאָלדשמיד פֿון אַזאַ אַ מושל,
מיט קיינעמסדיקן ים־געוויין און אויפֿגעשפּילטן חושל,
מיט רעגן־בויגן־רינגעלעך געשפּרענקלטע אין פֿאַנצער
און ווי עס רוישט אַ רעגן אויך, אַ האַלבער צי אַ גאַנצער:

אַרויסגעריסן וואָלט איך זיך פֿון זילבן און געדאַנקען —
די ריפּן דער נשמהס; און ווי גאָרניט אין מײַן טבֿע,
אַ הייב געטאָן דעם ים אויף מײַנע אַקסלען אים צו דאַנקען
און בלאַנקען ווי זײַן מעווע.

אַברהם
סוצקעווער

1976

דעם אַנדענק פֿון אַבֿוש ווערבער

קוים האָסטו זיך אַרויסגעקליבן פֿון דער וועלט און אירע
מעת־לעתן, און זיך איַינגעמאָסטעט אין דער נײַער דירה
אַווּ עס פֿוילט אין פֿינצטערניש די זון, עס פּלאַצט איר קערן,
אַז אויפֿגיין זאָל אין דיר אַ נײַע בענקעניש —

לחיים גיס איך אָן פֿון דײַן געטראַנק וואָס מיר איז טײַער:
אַ גלעזל דיר, אַ גלעזל מיר, דעם זעלביקן טאָקײַער,
אַז טרערן זאָלן זיך פֿון ווײַטן אָנקלאַפּן אָן טרערן,
באַפֿרײַיטע פֿון געפֿענקעניש.

באַזונדער, זענען מיר בײַנאַנד געבליבן טאָפּל אייניק,
נאָר דיר אין דער־אַ טאָפּלקייט אַ גלעזעלע איז ווייניק:
דאַרפֿסט אויסטרינקען אַ רעגן איך זאָל קאָנען אין דײַן שאָטן,
אַרום דײַן בוים, אַ באַרוועסער פֿאַרבײַגיין דיר.

קוים האָסטו זיך אַרויסגעקליבן פֿון דער וועלט און אירע
מעת־לעתן, און זיך איַינגעמאָסטעט אין דער נײַער דירה,
דײַן גאַניק מיטן פֿרישן זאַמד איך האָב נאָך ניט באַטראָטן
צו לייענען מײַן שווײַגן דיר.

יאַנואַר

1976

ניט מענטשן בלויז, אַדורכגעווייקט פון כליפּענדיקן פײַער,
גענענען צו די שטיינער די פּירקאַנטיקע און לאָזן
פאַרוויקלטע באַגערן דורכן אויסלייזער דעם בלײַער,
מעת־לעתן אויך: דאָס קוויטלען זיי אַרײַן די בינטלער גראָז,

בײַנאַנד מיט שאַרפע קרײַטעכצער און בשמימדיקע ביימלער
צו בליִען אין די שטיינער־ווינקלען היימישלער און היימלער:
דערפרייען זאָלן זיי די טעג וואָס בלאָנדזשען אונטער וועגנס
און אויסבעטן פאַר קראַנקע נעכט רפואהדיקע רעגנס.

און אויבן אויף די בערג, אין ווײַסע כוואַליעס פון דער שקיעה,
אַלזעיִק שווימט אַן אויג און לייענט. בלויז אַן אויג. און חוצן
אַלזעיִק שווימענדיקן אויג און צוקנדיקער וויִע
איז ניט פאַראַן אין גאָרער וועלט קיין רחמים און קיין גוטסן.

די ווײַסקייט ווערט נאָך העלער ווען עס טונקלט הינטער וויִעס
און אינעווייניק איז פאַראַן די צײַט און איר נביאות,
פאַראַן די שטאָט און אירע מתים און מײַן אייגן שפּאַנען,
און אויך דאָס ניט־פאַראַניקע איז דאָרט אַצינד פאַראַנען.

1976

פוןביימער מאַכט מען וווּנדערלעך פּאַפּיר. און איך — ס׳פּאַרקערטע:
פּאַפּיר פאַרוואַנדל איך אין ביימער, אין דעם בוים פון לעבן.
איך וועל זיך צוּוואָרצלען צו אים, ביז וואַנען עס וועט אויפגיין
ס׳געזאַנג פון זײַנע פייגל.

זיי וועלן זיך צעבליִען און אַרויסבלאָזן די ערשטע
געבענטשטע קלאַנגען; אומפאַרבײַטלעך, איינציק איז מײַן שליחות:
פאַרוואַנדלען די פאַרוואַנדלונגען אין זייער ערשטן מקור,
פאַרוואַנדלען זיך אַליין אין פּראָטאָפּלאַזם פון מײַן חלום.

פאַרוואַנדלען וועל איך גרודעס ליים אין זייער מענטשלעך פּנים,
פאַרוואַנדלען איידלשטיינער אין אַ לעבעדיקן גאָלדשמיד.
און סודות אָפּגעזונדערטע און מײַלן־ווײַט פון ווערטער,
פאַרוואַנדלען וועל איך אין אַ שטראַלונג ביזן דנאָ פון טרערן.

איך טונק אין זון מײַן זיגלרינג און שטעל אים אין דער פינצטער
צו היטן די פאַרוואַנדלונגען. מײַן קומעדיקער יורש,
דער קאָסמישער פּאָעט, זאָל קאָנען זוכן און געפינען,
און מײַן געביין זאָל שמייכלען.

1976

פֿאַראַן בײַם בראַצלאַווער אַ זאָג: זיך אָפּשפּאָרן דאַרף יעדער
אַ טויטע שעה: אַז אַלץ אַרום זאָל טויט זײַן, דו דערקעגן
זאָלסט לעבן. תּפֿילה טו איך צו דער טויטער שעה, בײַם גדר
פֿון זונפֿאַרגאַנג: מאַך לעבעדיק אין מיר דעם שניי, דעם רעגן.

צעבלאָז אַ שײַטער־הויפֿן, אַז אַ וואָלף זאָל בלײַבן הענגען
אויף שײַטער־פֿונקען, ווען אַ גוטער גײַסט באַוועגט מײַן אָרעם.
און צי אַרויס, ווי זשאַווערדיקע נעגל, מיט אָפּצווענגען
די נאַרישקייטן מײַנע, ווען ס׳אַנטפּלעקט זיך מיר אַ פּאָרעם.

געשפּאַנטע לייצעס צוימען־אײַן בהלהדיקע כוואַליעס
און בלויז בײַם האָריזאָנט פֿון ים איז איינע ווידערשפּעניק.
ס׳פֿאַרלעשן זיך אין טויטער שעה געשרייען און באַטאַליעס,
אַ חיה טראָגט די רויטע קרוין פֿון ערשט־געקעפּטן קעניג.

אַ שליסל בין איך איצטער צו מײַן וועלט און זוך בחינם
איר שלאָס אין דרויסן. איך־בין־איך וואָס מער די שעה איז טויטער.
און איטלעכע געשעעניש אויף דר׳ערד, אין דר׳ערד און אינעם
באַשערטן וואָלקן, לײַטערט זיך אין האַרצן ליב און לויטער.

1976

„דײַן פֿרײַנד איז אײביק" — כ'האָב געהערט אין חלום די אַ פּראָזע,
איך האָב געפֿרעגט: פֿון עולם־הבא צי פֿון עולם־הזה?
דער נאָמען זײַנער? ניט געװען דער נאָמען זײַנער דײַטלער,
נאָר ס'ליגנט ניט אַ חלום־קול, מעג זײַן דער אמת װײַטלער.

„דײַן פֿרײַנד איז אײביק" — און דער נאָכקלאַנג װיל זיך ניט באַפֿרײַען
פֿון צװישן ברודער הבל אויף דער װאָר און ברודער קין.
אַ פֿאַדקעװע צום פֿערדנפֿוס װערט צוגעשמידט מיט טשװעקעס
און מיך, װי צוגעשמידט מען װאָלט אַ פֿאַדקעװע מיט שטרעקעס.

און כ'האָב געזוכט מײַן לעבנספֿרײַנד עקשנותדיק און גלײביק,
אַ חלום־קול װעט ניט פֿאַרטרויען סתּם: דײַן פֿרײַנד איז אײביק.
און כ'האָב געבלעטערט מענטשן און געדאַנקען און אַלבאָמען,
געװויר צו װערן װוּ ס'באַהאַלט זיך זײַן געזאַלבטער נאָמען.

און בלויז „דײַן פֿרײַנד איז אײביק" הער איך, בלויז דעם פּיזמון אײנעם,
אַזוי האָט אויך די קראָ פֿון פֿאָ געשאָנקען אַ רעפֿריין אים.
און זוכן בין איך אים אַװעק, מײַן פֿרײַנד, אויף די בית־עלמינס:
האָטעלן פֿאַר די טויטע און די לעבעדיקע. אַלעמענס.

1976

אַז מענטשן זינגען דיר אַ לויב, דערמאָן זיך אָן די פֿייגל:
זיי לאַכן אָדער פּײַפֿן פֿונעם שטורעם און זײַן כּמאַרע.
נאָר אַז אַ פּשוט גראָז, אין אָוונט, גיט זיך אַ פֿאַרנייגל,
פֿאַרנייג זיך אויך: גוטן־אָוונט, גראָז. און מאַך פֿאַר אים אַ וואַרע.

און זײַ אַ ווײַלינקע אַלטמאָדיש (ביסט געגנוג מאָדערן)
און לייען פֿאַרן גראָז דײַן מענטשלעך ליד, אַז נאָכן הערן
צוזאַמענגראָזן זאָלט איר זיך אין גרינער פֿרייד ביחידות
און בלײַבן זאָל אַ סוד פֿאַרביידן, וואָס איז פֿאַר אַ ליד עס.

חלילה, ס׳פּליט ניט איבער לענדער, איז צו ערד געקאָוועט,
נאָר פֿרײַער איז דאָס גראָז פֿון דײַן געדאַנק, און ווײַט פֿון שקר.
די גראָזן זאָלסטו גלייבן, זייער כּבֿוד איז דײַן כּבֿוד,
און אַז אַ גראָז פֿאַרנייגט זיך, ווערן שטום די פּוסטע גלעקער.

דעריבער, אַז אַ גראָז פֿאַרנייגט זיך, ווו דו זאָלסט ניט אײַלן,
פֿאַרנייג זיך אויך און זאָלן בענקען ערגעצדיקע מײַלן.
אַנטפּלעק ניט אײַער סוד פֿאַר קיינעם, זײַ ניט קיין אַנטפּלעקער,
נאָר גלייב: אַ גראָז פֿאַרנייגט זיך, ווערן שטום די פּוסטע גלעקער.

1976

פאַר וועמען טאַנצסטו, קינד, פאַר וועמען טאַנצן דײַנע גלידער,
וווהין די רונדע פֿײַלן־בויגנס און אין וועמען צילן זיי?
אַרײַנגעצילט אין האָרץ פון דעמאָן, פאַלט ער נידער־נידער
צו דײַנע פיס, מיט לעצטן אָטעם, זאָלסט נאָך מער צעשפּילן זיי.

זײַן טאָפּל־פּנים: הימל — ערד. אַ יונגלינג און אַ זקן.
צו שלאַבעריק די ציין פון צײַט אים אײַנצוקאַרבן, אויסעסן.
אַנטבלויזטע שפּיגלען זעען ווי דו טאַנצסט אין רויטע זאָקן
און צווינגסט אים, ער זאָל פינצטער לאַכן אין זײַן שוים בײַם גוסטן.

דאָס לאַכן זײַנס צעשפּאַלט די שפּיגלען. און די שפּליטערס לאַכן
צוריק פון דעמאָן און זײַן קרוין, פּאַרקנעכטע, אונטערטעניקע.
און דו, אין רויטע זאָקן, אויף דעם גוסטדיקן, שוואַכן,
דו וויקלסט אַ נקמה־טאַנץ מיט הערשעראַויגן ברעניקע.

נאָר אונטער דײַנע פיס דער קרבן טוט זיך אַ צעפּלאָשע
און אַדלעריש דערלאַנגט ער זיך אַ הייב פון זײַן געפענקעניש
בײַנאַנד מיט דיר, דו קינד, און ס'בלײַבן קאַלט אויף דער יבשה
די שפּליטערס, און אין זיי: די רויטע זאָקן און דײַן בענקעניש.

1976

דעם בוים געבוירט אַ קערן, דער בוים געבוירט אַ פּידל
און דו געבוירסט מײַן שטערן, די נאַכט זאָל זײַן אַן אמת.
געבוירסט אים ווײַט פון דאַנעט, זײַן ליכט געהערט אונדזביידן,
געבוירסט אים ווו עס וויאַנעט קיין בלאַט ניט און קיין שמייכל.

מיר זענען שוין אומדאָיִק בײַנאַנד אַ שאָק מיט שווײַגן,
אַ קאָסמישע הערשאָיִק דערלאָזט ניט אונדזער אומקום.
דאָס ערדישע, דאָס וואָרע איז ערדיש־וואָר און גילטיק
און מער איז ניט קיין שׂררה דער טויט אויף אונדזער אָטעם.

זײַן קיניגרײַך דערלאַנגט ניט צום גרינעם בוים פון לעבן,
ס׳פאַרגאַנגענע פאַרגאַנגט ניט, קוים צײַט איז נאָך אומצײַטיק.
אַנטרונען פון געפילדער איז ליבשאַפט אונדזער שווײַגן,
עס וויינט מיט נײַע בילדער דאָס אויג פון דער נשמה.

דער זיווגדיקער צאַפּל פון שווײַגנס צוויי אין איינעם
דערנענטערט מיט אַ שטאַפּל צו זיך אַליין, צו שלמות.
דער וווּנדער־אָן־אַ־נאָמען דערציילט פון זײַנע מעשׂים,
דאָס לשון פון אַטאָמען איז פשוט ווי אַ פאָלקסליד.

1976

ער וויל מיך איבערציַיגן, אַז ער לעבט. אַזאַ מין שוטה.
קאַפּאַבל איז ער קושן מיַינע פיס, איך זאָל אים גלייבן.
ער קאָן זיך שווערן, אַז ער וווינט נאָך אויפן אַלטן אַדרעס,
מיַין קאָפּ איז אָבער נייניק: מוזסט באַוויַיזן מיר סימנים.

ער ציט אַרויס אַ זייגער פון זיַין גרינער קאַמיזעלקע
און קאָרמעט אָן (מיט זיַין גאַלאָפּ אין וויסטעניש) מיַין אויער.
דערנאָך צעשניַידט ער אַן אַרבוז און ווי אַ בער מיט האָניק
פאַרכליניעט ער זיך מיט אַ רויטן וואָלקן, שוואַרצן האָגל.

דערנאָך דערלאַנגט ער מיר אַ ספר אָקערשט פון דער נאָדל,
באַקריינט מיט נאָמען זיַינעם אויבן און דאָס יאָר פון אונטן.
צונויפגעוואַקסן זענען זיַינע בלעטער, זיַינע גלידער,
פונאַנדערלייגן קאָן מען זיי מיט זונפאַרגאַנג פון קאָסע.

נאָר איידער כ׳נעם די קאָסע, לייענט אויסווייניק שוין יענער
זיַין אויפגעוואַכטע אייביקייט פון צווישן בלעטער, גראָזן.
ער וויל מיך איבערציַיגן, אַז ער לעבט. אַזאַ מין שוטה.
איך ענטפער אים: אַזעלכע קונצן קענען אויך די טויטע.

1976

דערמאָנונג וועגן פּאַסטערנאַק: די ערד פֿון זײַן טשופּרינע —
אין פּרישן מאָסקווער שניי. אַרום דעם האַלדז אַ רויטער שאַליק.
אַזוי ווי פּושקין וואָלט אַרײַן... עס האָט אים וואָס געפּאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

זײַן האַנט אין מײַנער, ווי ער וואָלט אַ פֿינגערדיקן שליסל
פֿאַרטרויט מיר. און זײַן פּנים, קעגן איבער: אַ דערשראָקן
אַ מאַכטיק: לייענט ווײַטער, איך פֿאַרשטיי די ווערטער, קלאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

איך האָב געלייענט מײַן גראַטעוועטן זשאַר פֿון גיהנום:
„אַ רגע איז געפֿאַלן ווי אַ שטערן" — אַלע ווערטער
פֿאַרשטאַנען, חוץ „אַ רגע". ניט געקענט צו איר דערלאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

אין זײַנע פֿײַכט-געשליפֿענע שוואַרץ-מירמלנע שוואַרצאַפּלען
האָט אָפּגעשטערנט יענע רגע. און זי האָט אַ רגע
דעם רוסישן פּאָעט מיט געלער לאַטע אויך באַהאַנגען.
דער שניי איז ניט צעגאַנגען.

1976

דו זאָגסט: ניטאָ קיין בורא־עולם. ווייסט מסתּמא בעסער,
נאָר אויב אַזוי, קאָלעגע, איז דער וווּנדער, דאַכט זיך, גרעסער:
ניטאָ, און האָט באַשאַפֿן די ניטאָען און די דאָען,
בײַנאַנד מיט ליכט און שאָטן און קאָלירן פֿון שגעון.

באַשאַפֿן לעבן און באַשאַפֿן טויט אויף לאַנגע יאָרן,
מיר זאָלן בלויז אַן איינציק מאָל פֿאַרזוכן זײַנע קרײַטעכצער.
באַשאַפֿן קלאַנגען־פּערל אין דער מושל פֿון זכּרון
און וואָלקנדלעך מיט זייערע פֿאַרוואַנדלונגען און בײַטעכצער.

דו זאָגסט: אַ גורל נעמט מען אין די אייגענע ידיים,
קאָלעגע, איך בין מסכּים אַז צו נעמען איז כּדאַי אים.
ווּ נעמט מען אים? און ווי אַזוי? דערצייל עס מײַנע פֿינגער,
דעם אייפֿל־טורעם נעמען אויפֿן אַקסל איז דאָך גרינגער.

דײַן שאָטן האָט אַרײַנגעקערט, זעט אויס, אַ צעבער משקה,
נאָר כּ׳מוז אַ סוד פֿאַרטרויען אין זיך הוידענדיקע אויערן:
אַליין דעם גורל טראָגן איז בלויז פּעיִק אַ מוראַשקע,
דערהייבן זיך צו איר מדרגה דאַרף אונדז נאָך געדויערן.

1976

בשעת דער אינדאָנעזישער פּאָעט סאַפּאַרדי דזשאָקאָ
דאַמאָנאָ האָט געלייענט אויף זײַן צײַנדלדיקן לשון
אַ ליד מײַנס פון דער געטאָ, האָט אַ יענוועלטיק דערוואַכטע
סקעלעטישע מוזיק באַגלייט אונדז ביידן דורך די זילבן.

איך האָב געטראַכט: אַ צופאַל איז קיין צופאַל ניט, מײַן קומען
אין ראָטערדאַם — געוואָרן איז עס גוט פּלאַנירט פון גײַסטער:
פֿאַראַן אַן איינציק לשון צווישן זיי פֿאַר אַלע פֿעלקער,
די לעבעדיקע מוזן בלויז דערמאָנען זייער שײַכות.

און ווי ס'דערגייט צו אונדז די שײַן פון אויסגעצאַנקטע שטערן,
דערגייט אַהער דער אַלף־בית פון אויסגעצאַנקטע מײַלער,
בשעת דער אינדאָנעזישער פּאָעט סאַפּאַרדי דזשאָקאָ
דאַמאָנאָ זינגט מיך איבער אויף זײַן צײַנדלדיקן לשון.

און כ'האָב געזען אַ זעונג ווי אַ חלום אין אַ חלום:
פֿאַרוואַנדלט בין איך אין אַ טײַך. און איבער מיר די כוואַליעס
מיט פּנימער פון מענטשנקינדער שווימען צו די שטערן
און זייער לשון, ביזן דנאָ, איז לויטער און פֿאַרשטייִק.

פּאָעזיע־אינטערנאַציאָנאַל, ראָטערדאַם, 19טן יוני

1976

דער ים וואַרפֿט אַרויס אויפֿן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט
און קלענערט זיך אײַן מיט אַ שוים אויף די ליפּן
צוריק.

באַרוועסער וואַנדערלינג,
איידער עס וואַלקנט זיך אויס אויפֿן ים־ברעג
די גלאַטע געזאַלצענע פֿײַכטקייט,
פֿאַרשרײַב מיט אַ ריטל אויף דעם דײַן צוואה:
אַזוי און אַזוי און אַזוי.
אײַנשלינגען זי וועט אַ כוואַליע מיט פּערלנע פֿליגל
און ברענגען צום קײַקלער פֿון כוואַליעס
און ער וועט זי לייענען.
לייענען, בענטשן: זאָל זײַן ווי דער וואַנדערלינג ווינטשט זיך.
און תּחית־המתים וועט אויפֿגיין פֿון זאַמד
אַ פֿאַרזונקענער איינציקער שמייכל.

דער ים וואַרפֿט אַרויס אויפֿן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט.

1976

אין היל פון אליהו, אירע דערנערדיקע שפּאַלטן,
באַהאַלטן האָב איך זיך פון זיך, פון חלום זיך באַהאַלטן.
געלאָזן פאַר דער וויסטעניש אַ קרבן און אַ שטײַער:
די גלידער מײַנע, אָנגעסיליעט אויף אַ שנירל פײַער.

אין היל פון אליהו, אויף די יאָרן דאַרף איך מער ניט,
געלאָזן זיי אין וויסטעניש פון צײַט ווו איך געהער ניט.
פאַראַן אַ צײַט מחוץ דער צײַט, אַן אייביקער באַגינען,
אין היל פון אליהו וועל איך אפשר זי געפינען.

דער נאַכטגראַניט פאַרלאַוועט מײַן צופוסנס און צוקאָפּנס,
דער זייגער אין די אָדערן קלינגט אויס פון מיר די טראָפּנס.
כ׳ווער ייִנגער, ייִנגער: זיבן יאָר און זעקס און פינף און דרײַ יאָר,
ניטאָ קיין קול און ווידערקול, ס׳איז הײַיאָר לעצטער הײַיאָר.

ניטאָ קיין שײַן און ווידערשײַן פון ערגעץ אַ שפּאַרונע,
ניטאָ קיין מידבר און זײַן רויטע זעגלשיף זײַן דיונע.
ניטאָ קיין צײַט מחוץ דער צײַט, ניטאָ קיין אָטעם, סײַדן
אָנאָטעמדיק איז מעגלעך סײַ צו פילן סײַ צו לײַדן.

און אַז איך ווער אָנאָטעמדיק אין מײַנע דלד־אַמות,
דערקײַקלט זיך אין היל אַ טרער, אַ קליינע טרער דער מאַמעס
און מאָנט בײַ אליהון, אַז דאָס ייִנגל, דער מיזיניק,
מוז לעבן, לעבן און געזאַלבט נאָך ווערן פאַר אַ קיניג.

און דעמאָלט נענטערט זיך צו מיר אַ זיפּצנדיקע כמאַרע,
געגליכן צו אַ מענטשן־גוף מיט שוועבנדיקער מראה
און בלאָזט אַרײַן אַן ערב־רעגן אין מײַן מויל, און ווידער —
אַ הימל־ריזז, ס'זאָל די ערד מיר שטראָמען דורך די גלידער.

צעשפּאָלטן שוין דער נאַכטגראַניט און איך בין אויך צעשפּאָלטן:
אַ טויטער און אַ לעבעדיקער, ווי צוויי אָדלערס וואָלטן
פּאַרמאָסטן זיך אַצינד אין פלי: דער אָדלער־שאָטן אונטן
און אויבן — דער בײַם לייגן קלאַפּטער איבער פעלדזן, גרונטן.

און אַז אַ נײַ־געבוירענער אין הייל פון אליהו
באַגעגן איך די זון אַנטקעגן הייל פון אליהו,
געבוירן אין אַ הייל ווי איך, באַוועגט זיך צווישןביידן
אַ קליינע טרער. זי לעשט זיך ניט איןליידן און אין פריידן.

די ערשטע שורות פון די לידער:

1974 ס׳דערנענטערט זיך די ווײַט. נאָך אַלע רײַזעס, אַוואַנטורעס ... 7
די רויטע ציגל פון דײַן לײַב — געדענקסט ניט זייער בנין ... 8
באַשעפענישן אויפן גרונט פון ים, אָן זון, אָן שטראַלן ... 9
דײַן רגע איין־און־איינציקע, די פרי וואָס איז אָקערשט ... 10
אומדאָיִק ביסטו, איך — דערווײַל אומדאָרטן ... 11
וואָסער געטראַנק זאָל איך געבן דער נאַכט זי זאָל וווּנדערן ווײַטער ... 12
איצטער וועל איך הערן וואָס עס רעדט די נאַכט פון שלאָף ... 13
מײַן בריווטרעגער וועט מיר ניט ברענגען קיין בריוו ... 14
אַ ווײַסע האָר טיילטביידן אונדז פונאַנדער ... 15
ווער וועט בלײַבן, וואָס וועט בלײַבן? בלײַבן וועט אַ ווינט ... 16
דער שיכפּוצער אין פּאַרק איז ניט קיין שיכפּוצער. ווער דען ... 17
צונויפגעוואַנדערט האָבן זיך די פינגער. און זיי קנעטן ... 18
גוט־מאָרגן, פּיקהאָלץ, אויב חלילה האָסט ניט וואָס צו פּיקן ... 19
באַשערט איז מיר צו זײַן אויף דר׳ערד אַ רואה־ואינו־ניראה ... 20
פֿאַראַן אַ בענטשנדיקע פרייד, זי איז מײַן פרייד אין לעבן ... 21
קודלאַטער כּלב — גורל, זאָלן לעבן דײַנע ציינער ... 22
דער ים־גאַלאָפּ, דער ים־גאַלאָפּ — צו וואָס פאַרשלינגט ער מײַלן ... 23
דער זעלביקער וואָס האָט געבענטשט, ער האָט מיך אויך געשאָלטן ... 24

1975 אַ שווערער עפּל ציט אַראָפּ אַ פולן צווײַג מיט זומער ... 27
76/ און אויב אַן איינציקער פאַרלאַנג איז גילטיק אויף מײַן קאָנטע ... 28
צי בליט אַ דאָרן אין דער לופטן? יאָ, עס בליט אַ דאָרן ... 29
פון ביכער־טאָוולען צוויי און צוויי, געאָרעמט און געווינקלט ... 30
פאַרהוילן איז פון דיר דער זינען פון געהיימוואָרט: גורל ... 31
בײַ טאָג אַ לוויה, בײַ נאַכט אַ קאָנצערט ... 32
דערקלערן? ווי אַזוי דערקלערן ... 34
די ליים פון צײַט איז ווייך געוואָרן. ס׳גייט שוין אויף די קנעטעניש ... 35
אַ שלאַנג אַן אומגעזעענע האָט סם אַ פולע דאָזע ... 36
דער פידלשפּילער שפּילט און ווערט אַלץ דינער, דין און דינער ... 37
כּתב־ידן פון חברים, דער נשמהס טינט און פּראַצע ... 38
ניטאָ די גרינע אויגנפּאָר פון לאַנג־לאַנג. די גרינע ... 39
מיט יעדער נײַעם דונער וואָס דו האָסט מיר פרײַ געשאָנקען ... 40

נאָך וואָס און וועמען בענקסטו ? — כ׳בענק נאָך גאָרנישט ניט, נאָך קיינעם ... 41
דו ציטעריקע כוואַליע אויפן ברעג פון ים־התּיכון ... 42
אַ מירטן־ריח האָט געפירט מיך פאַר דער האַנט אין צפתער ... 43
פאַראַן אַן אויסטערלישער טעם, פון מילגרוימזאַפט באַטעמטער ... 44
לויפנדיקע מוסקלען פונעם טויט אין מידבר : דיונעס ... 45
ווי אַלט זײַט איר, גראָזן ... 46
די לאָפּעטע ליים אויף דער שמאָלינקער קרקע ... 47
צו וועמען געהער איך ? צו דיר און צו מיר ... 48
דײַן לייטער איז דאָך אינעווייניק, אין־דיר איז דײַן לייטער ... 49
צי ראַנגלט זיך אַ מלאך מיט אַ גיהנומדיק פאַרזעעניש ... 50
דו אָפּגעשיידטע רגע, ביסט געגליכן צו דײַן שוועסטער ... 51
אַרײַנצײִען אַ פאָדעם אין אַ נאָדל ? נײַן, בן־אָדם ... 52
טאָג־טעגלעך עסן זיי : די מויז, דער אייזל, די גאָרילע ... 53
די רינגלטויב. איך וואָלט נאָך וועלן וואַרעמען אַ רגע ... 54
אַ חתונה אין גאָרטן. אויך די פייגל זענען שיכּור ... 55
ערשט יעמאָלט ווען דער חלום־הונט האָט האַרציק זיך צעבולן ... 56
פון טיגער וואָס איך האָב אַ מאָל געוואָלט אין אים אַרײַנגיין ... 57
אַריבערשווימען. יעדער מוז אַריבערשווימען צונעם ... 58
און יעדע רגע זע איך דיך צום ערשטן מאָל אין לעבן ... 59
געצויגן האָט אונדז ביידן דאָ, סײַ מיך און סײַ דער מושל ... 60

1976 קוים האָסטו זיך אַרויסגעקליבן פון דער וועלט און אירע ... 63
ניט מענטשן בלויז, אַדורכגעווייקט פון כליפּענדיקן פײַער ... 64
פון ביימער מאַכט מען וווּנדערלעך פּאַפּיר. און איך — ס׳פּאַרקערטע ... 65
פאַראַן בײַם בראַצלאַווער אַ זאָג : זיך אָפּשפּאָרן דאַרף יעדער ... 66
„דײַן פרײַנד איז אייביק״ — כ׳האָב געהערט אין חלום די אַ פראַזע ... 67
אַז מענטשן זינגען דיר אַ לויב, דערמאָן זיך אָן די פייגל ... 68
פאַר וועמען טאַנצסטו, קינד, פאַר וועמען טאַנצן דײַנע גלידער ... 69
דעם בוים געבוירט אַ קערן, דער בוים געבוירט אַ פידל ... 70
ער וויל מיך איבערצײַגן, אַז ער לעבט. אַזאַ מין שוטה ... 71
דערמאָנונג וועגן פּאַסטערנאַק : די ערד פון זײַן טשופּרינע ... 72
דו זאָגסט : ניטאָ קיין בורא־עולם. ווייסט מסתּמא בעסער ... 73
בשעת דער אינדאָנעזישער פּאָעט סאַפּאַרדי דזשאָקאָ ... 74
דער ים וואַרפט אַרויס אויפן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט ... 75
אין הייל פון אליהו, אירע דערנערדיקע שפּאַלטן ... 76